In many ways Chaim Bermant is unique in the world of Anglo-Jewish writing. He is, in the classical sense, a very considerable Jewish scholar. When he quotes a Rabbinic phrase, it is invariably a primary text. He is far too knowledgeable to perpetrate a Jewish gaffe (so frequent in some Jewish books) and his interests range over the whole gamut from religion to international affairs.

He is almost certainly the most prolific of Anglo-Jewish writers (I include the whole of the English-speaking world) and, bless the man, his wit and humour are incomparable. Readers of the London Jewish Chronicle (it is said) turn automatically to Bermant's column under whatever pen-name he uses, before reading the news items.

His Purim parodies are worthy of a special volume even though the brilliance of his writing is parochial in content. The comments that he makes on the Jewish situation may sometimes be biased and unfair but they are always direct, well thought-out, invariably witty with the clear indication of a trained mind and, without exception, sprinkled here and there with a Bermantian bon mot which he would prefer to call "a gut vertel".

Yet with my admiration for the writer and the readability of the book under review, I found "The Jews" a disappointment. True, there are some brilliant sections which make the book worthwhile. The chapter on Jewish radicals, for example, is the best collection of little-known biographical facts about Jewish revolutionaries that I have ever read, while his final chapter

*Henry Shaw, former Hillel Director of students in Victoria, is currently Director of Jewsh Studies at the Prahran College Of Advanced Education.

"Survivors" is as good a summary of the Jewish world of the late 1970's as one can expect to find.

But there are bad patches which must be criticized for poor selection. When Bermant enters the world of music, he is guilty of glaring omissions as in the case of Arnold Schoenberg. Schoenberg was indeed a 20th Century "great", but was it necessary to reduce him to the status of mendicant by quoting a letter with the pathetic plea — "Are there not some people, even nowadays some Jews, who could get together and raise, for instance, $200 a month for me?" (P. 154)? There are more interesting extracts available from his letters, lectures and writing that could have been used. And if two pages are devoted to Schoenberg, could not at least a few lines have been spared for Ernest Bloch and Darius Milhaud — both "greats" of this century, each of whom wrote a masterly "Avodath Hakodesh" among other specifically Jewish works; and must Leonard Bernstein, who wrote the Jeremiah Symphony **and** a Kaddish (Ravel's is not the only one — P. 154) as well as the Choral Chichester Psalms which are sung in Hebrew, be relegated to a bracketed mention with Irving Berlin? And what of the great orchestral maestros such as Bruno Walter, Serge Kussevitsky and Otto Klemperer? One has the impression that the music experts among Bermant's advisers (to whom he expresses thanks in a foreword) did not help him too well in his homework. Incidentally, Joseph Szigeti (P. 149) **was** a Jew.

From these errors of omission, let me refer to a few other errors of commission which I found unpalatable. So many articles have been written over the years about that nasty huckster Barney Barnato and his African adventures' that I am amazed that a writer with the highly-developed aesthetic sense of Chaim Bermant could devote four pages to this unpleasant person while the Schlesinger family of financiers and developers of South Africa is not even mentioned. Then again, let us deal with this question of selection — if Barnato, the great business gangster, receives so much space, why is there no mention of the gangsters of more recent years — a few potted biographies of the shady side of the United States thugland with perhaps special mention of Lepke Buchalter and "Legs" Diamond of unblessed memory with an extract of the recent article in "Commentary" on Meyer Lansky — the possibilities of including nasty Jewish characters are almost endless. Surely Chaim Bermant has not forgottten the comical "con-man" of post-war Britain Sidney Stanley who caused cabinet crises, communal upheaval and red faces among so many prominent people.

Still one more complaint — I find the inclusion of sections taken out of the Solemn Days ritual most distasteful when they appear in books for general readers and I cannot understand why parts of the confessionals have to be elaborated upon. The form of service on Yom Kippur builds up to a series of climaxes of which the several forms of "Yiddut" are the most emotionally charged and to describe them baldly is, I feel, in bad taste.

For masses of facts on prominent medicos, "showbiz" people, writers, boxers, from Whitechapel and the East Side, Nobel laureates, references to Lubavitch, Yeshiva University and neo-Orthodoxy (I had hoped to read comment on the Satmarer vendetta against their Hassidic rivals), the book is a mine, all these items featuring in a variety of chapters and themes.

Apart from the above reservations, I found the book most readable with a mass of material rarely found in books for popular consumption. In his quite inimitable style laced with humorous touches, Chaim Bermant not only amuses but serves to highlight and emphasise particular points. The book, in spite of its high price, should be on most Jewish bookshelves and certainly in general libraries.

# Yenne Velt: Great Works of Jewish Fantasy

## By JOACHIM NEUGROSCHEL

(Picador paperback. Recommended price $5.50)

### Reviewed By ALAN UNTERMAN

This exciting collection of Yiddish stories, tales, and short novels is presented to the reader under a rubric which the compiler explains as follows:

> "what we call 'fantasy' is often an attempt at understanding what rational and daily experience fails to grasp: forces, notions, possibilities frequent in our everyday life, often at remote points in our co-ordinates of infinity and eternity."

The book's 700 pages contain selections from the writings of great masters of Yiddish fiction such as: Ansky, Mendele, Peretz, Der Nister, and others, as well as from the Medieval Mayse-Book and the Hasidic master R. Nakhman of Bratslav. As will be obvious, the nature of the material is very varied, and the reader may well think of other masterpieces of a similar genre which Neugroschel has ignored. Unfortunately the introduction and notes are extremely scanty (19 pages **in toto)** and no justification is offered for the particular selection made. Though this may not detract from the enjoyment of the tales, it does leave the reader wondering about the literary tradition from which the Yiddish stories stem, and how representative the sample offered is even of its more "fantastic" element.

Translating from Yiddish into English raises numerous problems of cross-cultural communication. Compared to the exotic quality of Yiddish prose, with its nuances of meaning and constant allusions to aspects of Jewish life and ritual, English is a very taut and precise language. Neugroschel seems to stick closely to the original, resisting the temptation to over-Aglicise the sentences and concepts. In two of the stories of R. Nakhman of Bratslav, which this reviewer compared to the Yiddish original, there was little ground for complaint about the authenticity of the translation. There were, however, a number of inexcusable mistakes which, whilst not interrupting the flow of the stories, raise questions about the reliability of the collection as a whole.

Thus in "A Tale of a King and a Wise Man" R. Nakhman quotes two verses from Proverbs (26:18,19), without giving the source merely saying "azo vi se shteit in posuk". The translator renders this with the impossible version "Just as the Talmud says". A little later on in the same story we are told in the original that "he started to praise the king very much", which the translator renders "grew very fond of the king". This does not make sense in the context of the story and is obviously a confusion between the Yiddish word for "praise" and that for "love" which are somewhat similar.

In the second story, "A Tale of a Prince", which is disfigured at one point by lines being displaced and appearing further down the page, there is another gross translating gaffe. Whereas the original has "Kings have a book . . .", Neugroschel translates ". . . angels have a book". The words for "King" and "angel" are indeed similar in sound but they are spelt differently, and one would have expected the translator to notice the spelling, especially since angels are clearly out of place in the story

* Dr. Alan Unterman until recently Hillel Director of Victoria, has been appointed to a lectureship in comparative religion at Manchester University, U.K.

It may be that these two stories are unrepresentative of the translator's accuracy. What seems more likely, however, is that the translation has been undertaken in a rather slapdash manner. This does not mean that the collection is not valuable, both as enjoyable reading and as an insight into the Jewish literary imagination. It does mean that any detailed conclusions about the stories here presented, and their symbolism, should be drawn with caution.

Despite these criticisms we have to be grateful to Joachim Neugroschel for having collected together a body of literature which so clearly conveys the strange inner world of the Jew. Cut off as he was from the great works of art and from the best products of the European mind, isolated within the teeming ghetto even from the expansiveness and tranquility of nature in many cases, the Jew developed a rich, and fantastic inner world. This inner experience is manifest for the pious in the esoteric language of the Kabbalah, and in more popular teachings of Hasidic lore. For the more secularized Jew the medium of expression was through folktales, and folk beliefs which are the direct ancestors of the more modern forms of Yiddish fantasy. This whole world is now lost to us, and it is important to preserve its most outstanding products as a heritage for the modern, Westernized, Jew. Reading "Yenne Velt" can only enrich the mental diet of contemporary Jews fed, in the main, on materials of a dry, rational, and pragmatic nature.

# MARTIN BUBER

**(Continued from Page 10)**

in peace and brotherhood with the Arab people and to develop the common homeland into a republic in which both peoples will have the possibility of free development". Other issues which brought him into conflict with his people were his views on Jewish religious ritual and his attitude to post-war Germany.

After 1938, Buber lived, thought, wrote and taught in Israel and though regarded with intense admiration and affection in Western Europe, Britain and America where he was considered an original thinker, in Israel itself he was largely isolated and bitterly criticised when not ignored. Because of his views, there existed a barrier between himself and the Yishuv, "as if he was a foreign element in our midst and not entirely one of us" (S. H. Bergman). Abroad, however, his influence was profound. Dag Hammarkjold, in 1959, in nominating Buber for the Nobel Prize for Peace referred to Buber's "humanistic internationalism built on basic elements of Jewish thought". Catholic and Protestant theologians alike were influenced by his teachings that truth is to be found, not in the thoughts of a solitary individual, but always and essentially in the meetings between the I and the Thou. And Prince Bernhard of the Netherlands, in awarding Buber at 85 the Erasmus Prize, paid special tribute to him. "You have worked," he said, "for the breaking down of barriers between individuals, between peoples and between religions by starting the conversation. . . . You have taught us that what matters is not what happens to people but how people act. You have taught us that the true purpose of life is revealed only in acts carried out by people in the name of God."

Although still opposed to the end by the Herut and ultra-orthodox circles, there were signs that the younger generation was in the 1960s beginning to listen to Buber and that they were attuned to his innovatory message of dialogue and, through dialogue, of peace.

# *If You Walk Softly*

A room you could weave
a life in
When I placed the woollen shawl
by the side of the window frame
the glass threw shadows,
friends moving black without speech
The walls hold secrets,
the floor says "if you walk softly
the air will caress you"
It was
a long time ago
(an earlier place, an earlier self)
someone said to me
"rooms act as your guardians
they can turn against you,
sometimes they are lovers"

# *will not make you safe*

a poem
will not create you
a kiss
will not make you safe
a parking meter
gives you time
but makes you pay
a tree will shake
its branches for you
never know your name

**MICHELE NAYMAN**

*The "Melbourne Chronicle", published by the Jewish National Library and Cultural Centre "Kadimah", aims to deal with cultural, communal, social, political and religious issues of interest and relevance to the Jewish community.*

*In keeping with this aim, the "Melbourne Chronicle" invites contributions of articles, poetry, short stories, critiques and reviews from all interested members in the community. In particular, it seeks to serve as an outlet for local creative literary talent.*

*The opinions expressed by contributors to the "Melbourne Chronicle" are their own and do not necessarily represent the views of the editorial committee or of the Kadimah organisation.*

# THIS YEAR

# AND EVERY YEAR

***Look to***

**JetsetTours**

FOR THE LOWEST PRICES TO

# ISRAEL

AND AUSTRALIA'S BEST VALUE

IN OVERSEAS PACKAGE HOLIDAYS

**JetsetTours**

**18th FLOOR MLC BUILDING**

**303 COLLINS STREET, MELBOURNE, 3000.**

**TELEPHONE: 62 0041**

*With Compliments of*

# P. A. Knitting Mills

**Manufacturers of Men's and Boys' Outerwear**

**590-6 GLENHUNTLY ROAD,**
**ELSTERNWICK, MELB., 3185.**

**PHONES: 53 4891, 53 5639**

**After Hours: 53 6903**

**Managing Director**
*Abe Hoppe*

*With Compliments of*

# BODDINGTON'S SERVICE STATION

**F. H. & S. E. BODDINGTON (Props.)**

- NICE CLEAN PETROL
- POWER LUBRICATION SYSTEM
- PUT AMOCO IN YOUR MACHINE

**322 HAWTHORN RD., CAULFIELD, 3162**
**TELEPHONE: 523 8627**

*With Compliments of*

# KITCHEN PARADISE

"Add Beauty
and Comfort
to Your Home"

★

DESIGNERS AND SUPPLIERS
OF BEAUTIFUL KITCHENS

★

**Tile Centre —**
**Kitchen Appliances**

**Phone: 528 4596**

800 GLENHUNTLY ROAD,
SOUTH CAULFIELD, 3162

רעקאָמענדירט. איינס פון זיינע פּאָעמעס האָט מען פאַרגע־
לייענט „איך האָב זיך אויסגעדרייט צו טשיפּלין מיט
אַ פאַרשנדיקן ברעם—שרייבט מענזיס—ער האָט אַ בליק
געטאָן אַנטקעגן איבער דעם טיש, ווו עס איז געזעסן
אַ בכבודיקע אויסטראַלישע שרייבערין, און האָט געזאָגט:

— פרוי... איך האָף, אַז איר וועט מיר אַנטשולדיקן.
אָבער איך טראַכט, אַז דאָס אַלץ איז „בלאַדי נאָנסענס״.

„איך בין אים דאַנקבאַר געווען — באַמערקט מענזיס
— ווייל איך האָב געטראַכט, אַז ער איז אַבסאָלוט גערעכט״.

בלייבט זיך צו ווינטשן, אַז אויך מיר זאָלן דערלעבן
דעם טאָג, ווען מען וועט קאָנען זאָגן, אויך וועגן דער
יידישער ליטעראַטור:

עס באַוועגט זיך פאָרט!

מעם

---

# „קדימה״־ביבליאָטעק

## אָנגעקומען נייע ביכער

די פידלרויז (פּאָעמע) — א. סוצקעווער

מיין אַנטאָלאָגיע (פּאָעזיע) — י. פּאַפּיערניקאָוו

די געשיכטע פון אַ רעוואָלוציע — דר. יעקב צינעמאַן

דער ניגון פון נעכטן — י. הירשהויט (2 עקזעמפּלאַרן)

בלוט און וואָפן — מאיר יעלין

אויף וועגן און אומוועגן—אסתר שניידערמאַן־ראָזענטאַל

דעם זיידנס קרוין — זאב בלום (ב. מאכלין), 2 עקז.)

שכונה — לייב קורלאַנד

לידער און פּאָעמעס — דוד האָפשטיין (2 בענדער)

סעפּערירטע (פּיעסע) בנימין עליס

אַחר (פּאָעמע) י. ח. בילעצקי

כעלעמער דערציילונגען — ב. מ. ערליך

אויף גרינעם פּאַרמעט (פּאָעזיע) אריה שמרי

פנימער און נעמען — יצחק יאַנאַסאָוויטש

קאָנטראַסטן — ראָזע קרעמער

יידן אויפן שיידוועג — יצחק קאָרן

אין דער מחיצה פון שאַפער — אברהם ליס

פועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד — זאב בלום

בעל־שם־טוב מאַטיוון און אַנדערע דערציילונגען —
אברהם ווייץ.


*With the compliments of*

**PERLEN'S PHARMACY**

(L. Perlen and K. L. Langfelder)

★

YOUR CHEMWAY CHEMIST

762 GLENHUNTLY ROAD,
SOUTH CAULFIELD
PHONE: 528 5143

★

DELIVERY SERVICE

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## 1. נאָבעל־פּריז פאַר באַשעוויסן

די וויברירונג פון דעם באַשלוס צוצוטיילן דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור, פאַרן יאָר 1978, דעם ייִדישן שרייבער יצחק באַשעוויס, האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּ־קלאַנג אין דער ייִדישער און ייִדיש־ענגלישער פּרעסע.

דער רעדאַקטאָר פון *Australia/Israel Review* סעם ליפּסקי ווידמעט דעם לייטאַרטיקל פון נר. 17, דער דאָזיקער געשעעניש.

באַלד אין ערשטן זאַץ באַטאָנט ער: „דאָס צוטיילן דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור אין יאָר 1978 דעם שרייבער יצחק־באַשעוויס זינגער איז דערפרייענדיקע נייעס פאַר זיינע איבערגעגעבענע לייענער״.

און ער פאַרענדיקט:

„לאָמיר נאָך צגעבן, אַז אויך מיר טוט הנאה וואָס זינ־גער האָט באַקומען די אויסצייכענונג. דאָס איז אַ פאַר־שטאַרקונג פאַר ייִדיש און אַ פּאַטש אין פּנים די אַלע, וועלכע פאַרוואַרפן דעם אוצר פון ייִדישער ציוויליזאַציע, ווי אַ שפּראַך אָן אַ צוקונפט״.

Do I stretch a point too far? Well, let me add that I too am delighted with Singer's award. It is a boost for Yiddish and a smack in the eye to all those who keep writing off that treasure of Jewish civilization as a language without a future.

Sam Lipski

★

## 2. עס באַוועגט זיך פאָרט...

ליטעראַטור איז דער קולטור־באַראָמעטער פון אַ פאָלק. אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט איינגעוואָרצלטע עטישע און גייס־טיקע מאָסן און ווערטן, מוזן זיי קומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור פון דעם דאָזיקן פאָלק.

דעריבער טאַקע האָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט ליטעראַטור־קריטיק. דער קריטיקער איז געווען די וואָג־שול וואָס האָט געוואויגן די עטישע און גייסטיקע ווערטן נישט נאָר ווי יחידישע דער־גרייכונגען פון שרייבער גופא — נאָר אויך ווי אַ פאָלקס־פאַרמעגן, וואָס דאַרף מיט זיך רעפּרעזענטירן דאָס גייס־טיקע מהות פון די טראַדיציעס, באַדערפענישן, צילן פון פאָלק.

פונקט ווי די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, אַזוי האָט זיך אונדזער גייסטיקע ייִדישקייט געדרייט אין דער אַרביטע פון ליטעראַטור. די קריטיקער האָט מען געקאָנט פאַרגלייכן מיט אַסטראָנאָמען, וועלכע האָבן אָנגעצייכנט די אויסמעסטן פון דער דאָזיקער אַרביטע.

נאָר אונדזער ליטעראַרישע ערד האָט זיך אויפגעהערט צו דרייען, אין איר גייסטיקער אָרביטע. זי איז שטיין געבליבן.

עס איז דעריבער געווען אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג צו לייענען אין „אײדזש״ (30 סעפּ. — 7 אָקטאָ־בער ה. י.) אַרויסזאָגונגען (הגם בלויז וועגן פּאָעזיע) אויף וועלכע מען קאָן אויסרופן, ווי דער אַלטער גאַלילעאָ. גאַליליי (1564): עס באַוועקט זיך פאָרט!

★

דער אָנגעזעענער אויסטראַלישער שרייבער פרעדעריק מעקאַרטנעי איז אַלט געוואָרן 91 יאָר. דערציילט וועגן אים דער זשורנאַליסט, אַז ער איז תמיד געווען אַ שטרענגער קריטיקער וואָס האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף אימי־טירער, וואָס האָבן פּרעטענדירט אויף עכטקייט.

זיין מיינונג וועגן דער היינטצייטיקער פּאָעזיע פון „פרייען״ פערז, איז נישט קיין געהויבענע.

„דאָס וואָס ווערט היינט אָנגענומען פאַר פּאָעזיע, באַ־שטייט פון זינלאָזע איבעררייסונגען פון פּראָזע, וואָס טיילט זיך אויס פון דער אינטעגראַלער מוזיק פון ריטמישער פאָרם״.

ער איז הייסט עס אַ קריטיקער וואָס נוצט די מאָס פון מידת הדין.

אַ וואָך שפּעטער שרייבט אַ לייענער פאַוער אין דער זעלבער צייטונג אַ בריוו:

„איך בין דאַנקבאַר (דעם גורל — מ.) וואָס איך האָב געלעבט גענוג לאַנג, צו זען, אַז אין „אײדזש״ האָט מען אָפּגעגעבן אָרט דעם שרייבער פרעדעריק מעקאַרטני, כדי צו קעגנשטעלן זיך דעם אומזין, וואָס גייט היינט אָן פאַר פּאָעזיע״.

גלייכצייטיק ברענגט דער לייענער אַ ליד, געדרוקט אין דער זעלבער צייטונג (נעבן די אַרויסזאָגונגען פון פרע־דעריק מעקאַרטני) און ציטירנדיק דאָס געגעבענע ליד, שטרייכט ער אונטער, אַז די דאָזיקע „פּאָעזיע״ איז נישט מער ווי „אַנאַרכיע״ וואָס שאַפן די „פרייע״ פערזן.

ביי דער געלעגנהייט דערציילט ער אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד אַרויסגענומען פון בוך פון סער ראָבערט מענזיס: „נאָכמיטאָג ליכט״.

מענזיס דערמאָנט אַ זיצונג פון „ליטעראַרישן קאָמאָנ־וועלט־פאָנד״, אונטערן פאָרזיץ פון דעמאָלטיקן פּרעמיער בען טשיפלי. די זיצונג האָט זיך פאַרנומען מיט צוטיילן פאָנדן פאַר שרייבער, וועלכע פאַרדינען עס. געהאַנדלט האָט זיך וועגן איינעם אַ נייעם פּאָעט פון דער שול, פאַר פאַר־טרעט אינהאַלט מיט ווערטער. עמיצער האָט אים שטאַרק

# מעלבורנער דעלעגאַטן צום וועלט־ראַט פאַר יידיש

דער וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור איז פאָרגעקומען אין תל־אביב דעם 31־טן יולי, 1־טן און 2־טן אויגוסט 1978.

אין אים האָבן זיך באַטייליקט דריי דעלעגאַטן פון מעלבורן, די פריינד: ב. ווינער, נ. גריפענבערג און שולקלאַפּער.

אין משך פון די דריי טעג זענען פאָרגעקומען אַר־בעטס־זיצונגען פון פאַרשידענע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן אָנגענומען פאַרשידענע רעזאָלוציעס וועגן דער טעטי־קייט סיי פון וועלט־ראַט, סיי פון די באַזונדערע לאַנד־ראַטן. די רעזאָלוציעס צייכענען אָפּ די ערנסטקייט, מיט וועלכע פּראָבלעמען זענען באַהאַנדלט געוואָרן. די רעזאָ־לוציעס זענען וועגן: דער יידישער פּרעסע (4 פּונקטן); קולטור־אַרבעט פאַר דערוואַקסענע (8 פּונקטן); יידיש טעאַטער (4 פּונקטן); פאָרשן דעם מצב פון יידיש אין אונדזער זייט; (וועלט־ביוראָ צוזאַמען מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס) פאַרלאַג און ביכער־קלוב (4 פּונקטן און 3 ביי־פּונקטן).; פאָרשלאַג וועגן אויסבילדן לערער פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די תפוצות (4 פּונקטן); אויסשטעלונג וועגן יידישער שאַפונג אין דער תקופה פון דער שואה.

דער וועלט־ראַט האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגנדן אופן: פאָרזיצער: י. קאָרן; וויצע־פאָרזיצערס: בונים ווינער (מעלבורן); יצחק וואַרשאַווסקי (פּאַריז); יצחק טורקאָוו (בוענאָס איירעס); פּראָפ. אַרטור לערמער (מאָנטרעאָל); יוסף מלאָטעק (ניו־יאָרק); גענעראַל־סעקרע־טאַר: ישראל סטאָלאַרסקי; רעדאַקטאָר פון פּובליקאַציעס יצחק יאַנאַסאָוויטש; יידישער וועלט־קאָנגרעס — יצחק הרכבי; קאַסירער — זאב באַומגאַלד.

## מיטגלידער פון דעם וועלט־עקזעקוטיוו אויף אַ באַזוך ביים פּרעזידענט פון מדינת ישראל.



פון לינקס צו רעכטס: ב. ווינער (מעלבורן), י. מלאָטעק (ניו־יאָרק), י. טורקאָוו (ב. איירעס), י. קאָרן (פאָרזיצער), פּרעז. פון ישראל יצחק נבון, פּראָפּ. א. לערמער (מאָנטרעאָל, י. סטאָלאַרסקי, י. יאַנאַסאָוויטש, י. וואַרשאַווסקי (פּאַריז).

געטאָפּטשעט פון איין פוס אויפן צווייטן, האָב איך דערהערט פון די הילכערס מיין נאָמען.

איך ווער אויפגעפּאָדערט זיך צו מעלדן ביים טויער פון די שטעכל־דראָטן. קלאָר, אַז איך האָב פאַרלאָזן אָן חשק מיין ריי נאָך דער זופּ און גענומען לויפן צום טויער. דערנענטערנדיק זיך, האָט מיך אַ זעלנער פאַרהאַלטן, געפרעגט מיין נאָמען און עלטער, אריינגעקוקט אין זיין פּאַפּיר, מיך אָנגעקוקט פון אויבן אַראָפּ און באַפוילן אַ צווייטן וועכטער עפענען דעם טויער.

אַדורכגייענדיק דעם א״ג „נייטראַלן פּאַס״ בין איך גלייך אַריינגעפאַלן אין מיין ברודערס אָרעמס. צוזאַמען מיט אים און עטלעכע אַרעסטאַנטן, זענען מיר אריין אין אַ לאַסט־אויטאָ אין באַגלייטונג פון צוויי זעלנער.

— אוי, איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז מען וועט דיך פאַרשיקן ערגעץ־ווּ — האָט ער אַ זאָג געטאָן און טיף אָפּגעאָטעמט, ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרץ.

— מיר וועלן שוין זיין צוזאַמען — האָט ער צוגעגעבן.

אָפּגעפאָרן אַן ערך 20 קילאָמעטער זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער אריין.

מיר זענען גלייך אריינגעפירט געוואָרן אין באָד אריין, באַקומען נייע בגדים פון קאָפּ ביז פיס. מיין זעקעלע און דאָס בלעכענע קעסעלע האָב איך שוין מער נישט געזען. מיין ברודער און עטלעכע באַקאַנטע פון טורגעניעוואָ, האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים ארויסגיין פון דער באָד. אויף זייערע פּנימער האָב איך באַמערקט אַ צופרידנקייט.

איך קוק זיך אַרום און גלויב נישט מיינע אויגן. איך געפין זיך ממש אין אַ פּאַרק. אַלייען,ביימער פון ביידע זייטן, בענקלעך אויף אָפּרוען, צי איז דאָס נישט אַ חלום — גיב איך אַ טראַכט. מיט אַ שעה צוריק האָב איך געטראַכט וועגן דער אומזיכערער צוקונפט וואָס דערוואַרט מיך. און איצט? איצט שפּאַציר איך מיט מיין ברודער און פריינד אין אַ פּאַרק, און ליכט פון די לאָמטערנעס באַלייכטן די אַרומיקע באַראַקן, פון וועלכע עס דערהערט זיך מוזיק און געזאַנג.

מיר גייען אריין אין אַ געבידע, ווּ איך באַקום אַ ביכעלע מיט קופּאָנען אויף מאָלציַיטן. פון דאָרט זענען מיר אַריין אין אַ זאַל פון מיט טישלעך און שטולן. דאָס איז אַן עס־צימער. מיר זעצן זיך ביי אַ טישל, קומט צו (שווער צו גלויבן) אַ קעלנערקע און בעט ביי מיר איין קופּאָן. מיין ברודער און די פריינד האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן. נישט וואַרטנדיק לאַנג האָב איך דעם אָוונט געגעסן אַ נאָרמאַלן מיטאָג, ד״ה אַ זופּ (אין אַ טעלער!) און אַ גאַנץ פיינע פּאָרציע פלייש מיט גרינוואַרג.

אין דען אַ ווּנדער, וואָס איך בין געווען אַזוי איבערראַשט... — עסן אַ נאָרמאַל מיטאָג ביי אַ טיש, פון אַ טעלער און נישט פון אַ פאַרזשאַווערט קעסעלע, נישט דאַרפנדיק וואַרטן אין אַ רייע, אין אַ רעגן אָדער שרעקלעכן פראָסט.

הגם איך האָב געהאַט נאָך פיל אָנגענעמע איבערראַשונגען, דאָך האַלט איך אָט דאָס ערשטע מאָלציַיט פאַר זייער סימפּטאָמאַטיש. מיינע אַלע חושים אין דער ציַיט האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: ווי אַזוי צו קריגן עסן און זיין זאַט! דאָס איז געווען דער הויךפּונקט פון מיינע טרוימען.

איך בין אַריין אין באַראַק. פון ביידע זייטן פון דער לאַנגער הילצערנער געבידע זענען געשטאַנען צווייִשטאָקיקע נאַרעס אויף וועלכע עס זענען געשלאָפן 160 פערזאָן. אין מיטן זענען געשטאַנען לאַנגע טישן מיט בענק און צוויי אייזערנע אייוועלעך. עס האָט זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן די ריינקייט. די נאַרעס, די ווענט, די פּאָדלאָגע — אַלץ איז געווען ריין און ציכטיק ווי אין זעלנערישע קאַזאַרמעס. און ווירקלעך איז דער „פּוילישער״ באַראַק געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ געוועזענעם סאָוויעטישן מאַיאָר פון מיליטערישן לופט־פלאָט. דער דאָזיקער מאַיאָר, וועלכער האָט באַקומען אַכט יאָר פאַרשיקונג פאַר ברעכן די מיליטערישע דיסציפּלין, האָט געהאַט צוויי „שוואַכקייטן״. — ער האָט ליב געהאַט ריינקייט און פאַרלאַנגט דיסציפּלינירטע אויפפירונג פון זיינע אונטערטעניקע. אינטערעסאַנט, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט געהאַט אויף אים קיין פּאַראיבל. מיר אַלע האָבן פאַרשטאַנען ווי וויכטיק ס'איז אין אַזעלכע באַדינגונגען אָפּצוהיטן די פּערזענלעכע ווי אויך די אַרומיקע ריינקייט. עס האָבן זיך אָבער געטראָפן אויסנאַמען. באַזונדערס געדענק איך צוויי יידן — ביידע וואַרשעווער — אינטעליגענטן, וועלכע מען האָט נישט איין מאָל געמוזט ארויסשלעפּן פון אונטער די נאַרעס און מיט כּוח פירן זיי אין באָד אַריין... אָבער, ווי געזאָגט, זענען זיי געווען אַ זעלטענער אויסנאַם און נאָך אַ געוויסער ציַיט האָבן זיי אויך זיך צוגעוווינט צום קאַלטן וועטער אין דרויסן און צו דעם הייסן וואַסער אין באָד...

דאָס איז געווען אַ מוסטער־לאַגער, וועלכן מ'האָט באַוויזן געסט — ווי אַזוי מענטשן ווערן איבערדערצויגן דורך אַרבעט — דערווייל האָבן מיר אויך גענאָסן דערפון.

# אַ בריוו אין רעדאַקציע

## צו דער רעדאַקציע „מעלבורנער בלעטער״

טייערע פריינד,

איך שיק אייך זעקס דאָלאַר ($6), צו באַצאָלן דעם אַבאָנאַמענט פאַר די „מעלבורנער בלעטער״ פאַרן קומענדיקן יאָר. ביטע שיקט מיר ארויס נומער 4 (1978). פאַר וואָס האָט איר מיר נישט געשיקט דעם זשורנאַל מיט אַ דערמאָנונג צו באַצאָלן פאַרן קומענדיקן יאָר?

אויב איר ווילט פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל דאַרפט איר נעמען אין אַכט די לייענער און נישט מאַכן עס אזוי שווער צו באַקומען דעם זשורנאַל.

„מעלבורנער בלעטער״ איז אינטערעסאַנט און הנאה האָב איך פון לייענען עס. זאָל עס וואַקסן און בליען.

יאַנקל דעסאַוער

צער זאָל נישט אויסנוצן די פֿינצטערקייט און אַנטלויפֿן. אַנטלויפֿן...? וווּהין... אין אַן אַנדער טייגע, אין אַן אַנדערן לאַגער אַריין...

קורץ פֿאַרן פֿאַרלאָזן דעם לאַגער איז צו אונדז אָנגעקומען אַ קליינע גרופּע פֿון אַן ערך 20 רוסישע אַרעסטאַנטן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זענען דאָס געווען מערדער פֿאַראורטיילטע אויף אייביקער תּפֿיסה. זיי האָבן זיך טאַקע אויפֿגעפֿירט ווי מערדער, אָנגעהויבן זיך איזדעקעווען איבער אונדז, אָנגעפֿאַלן און געשלאָגן. דערביי האָבן זיך געלאָזט הערן אַנטי־יידישע אויסרופֿן. דאָס לעבן איז לאַגער איז געוואָרן געפֿערלעכער, מען איז שוין נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

אויף אַ פֿרימאָרגנדיקן אַפּעל האָט זיך איינער פֿון אונדזערע חברים אָנגענומען דעם מוט, אַרויס פֿון דער ריי, זיך דערנענטערט צום נאַטשאַלניק און געבעטן שוץ קעגן אַט דער באַנדע מערדערס, וועלכע באַדראָען אונדזערע לעבנס.

דערויף איז געקומען אַן ענטפֿער, וועלכער האָט אונדז אַלעמען דערשיטערט:

— איר זענט ערגערע ווי די מערדערס, איר זענט „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן!"

עס האָט קיין זין נישט געהאַט צו שפּאַרן זיך מיט דעם „געלערנטן" לאַגער־פֿירער. מיט אַ נאָך מער געדריקטער שטימונג זענען מיר דעם טאָג אַרויס צו דער אַרבעט און דעם כּעס אויסגעלאָזט צו דעם אָרקעסטער וועלכן מיר האָבן באַוואָרפֿן מיט שטיינער...

אַ וואָך נאָך דעם אינצידענט איז אין לאַגער אָנגעקומען אַ פֿאַלקאָווניק אין באַגלייטונג פֿון עטלעכע אָפֿיצירן. דער פֿאַלקאָווניק האָט זיך גאָר שנעל אַריינגעלאָזט אין שמועסן מיט אונדז אַריינגעקוקט אין די באַראַקן, זיך אויסגעפֿרעגט וועגן די באַדינגונגען א. א. וו. אין אַ שמועס מיט אַ לאָדזשער יונגן מאַן האָט ער אַרויסגעוויזן פֿאַראינטערעסירונג מיט דער שטאָט און פּלוצים זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּויליש וואָרט. די נעבנשטייענדיקע האָבן זיך דערפֿרייט, באַקומען צוטרוי צו דעם סאָוויעטישן פֿאַלקאָווניק פֿון פּוילישער אָפּשטאַמונג און פֿאַר אים אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ. און ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט אונדזער אָנקלאַגע געפֿונען אַ גוט אויער און די שולדיקע זענען גאָר שנעל באַשטראָפֿט געוואָרן אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון דאָזיקן פֿאַלקאָווניק. דער נאַטשאַלניק האָט באַקומען פֿינף יאָר לאַגער פֿאַר באַגנבֿענען און שלעכט באַהאַנדלען די אַרעסטירטע אין לאַגער טורגעניעוואָ.

## אין „באַזונדערן איבערדערציאונגס אַרבעטסלאַגער"

מזל־טובֿ. מיר האָבן פֿאַרענדיקט די אַרבעט אויף דעם אָפּשניט, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער לאַגער טורגעניעוואָ, וואָס איז באַשטאַנען אין אָפּריייניקן דעם שטח פֿון די ביימער, און צוגרייטן דעם באָדן פֿאַר באַוואַסערן. דער גאַנצער ראַיאָן, וואָס איז נידעריקער פֿונעם ים־ניוואָ איז באַקאַנט היינט־צו־טאָג ווי דאָס „ריבינסקאָיע מאָריע" (ריבינסקער ים). עס איז אָן שום ספֿק געווען אַ ביז גאָר וויכטיקער אויפֿטו פֿונעם סאָוויעטן־לאַנד אויפֿן געביט פֿון דעראָבערן און אַנטוויקלען ריזיקע שטחים פֿון נוצלאָזער ערד. דאָס איז אָבער דערגרייכט געוואָרן מיטן בלוט און שוויס און אפֿילו מיט לעבנס פֿון מיליאָנען פֿאַרשקלאַפֿטע אינעם לאַנד פֿון כּלומרשטער פֿרייהייט.

מיר זענען צוריק אויף דער באַרזשע, אָבער די צאָל איז ליידער געוואָרן קלענער, געשטאָרבן זענען עטלעכע פּערזאָן און דווקא די, וועלכע זענען געווען פֿיזיש שטאַרקע. זיי האָבן, ווייסט אויס, נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם כּסדרדיקן הונגער און במשך דער קורצער צייט אויסגעגאַנגען ווי ליכט. צווישן די צוריקפֿאָרנדיקע האָט אויך געפֿעלט דער ייִדיש־עסטרייכישער היפּנאָטיזער. ער האָט אין לאַגער געאַרבעט אַלס געהילף פֿונעם דאָקטער. קורץ פֿאַרן פֿאַרלאָזן דעם לאַגער האָט ער אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ קראַנקהייט־באַשטעטיקונג איינעם פֿון די רוסישע מערדערס. די זעלבע נאַכט איז ער געפֿונען געוואָרן מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז.

צוריק אין „פּיערעבאָרי". פֿון דאַנען וועט מען אונדז ווידער פֿאַנאַנדערשיקן. מען שמועסט וועגן קאַמטשאַטקע, אַרכאַנגעלסק און אַנדערע מקומות אויפֿן צפֿון און וויטן מזרח.

מיין ברודער, צוזאַמען מיטן אָרקעסטער געפֿינט זיך אויף דער צווייטער זייט פֿון די שטעכלדיקע דראָטן. וואָס דאָרט איז און וואָס ער טוט ווייס איך נישט. איך פֿיל זיך עלנט. ביז איצט האָב איך אַלע מאָל געהאַט אַן אָנשפּאַר, אַ הילף און אַ טרייסט־וואָרט פֿון מיין ברודער, וועלכער האָט זיך ווי עס זאָל נישט זיין אַן עצה געגעבן אין די שווערסטע אומשטענדן. און איצט? איך זיץ אויף אַ זעקעלע פֿון מיין האָב און גוטס און טראַכט: ווו וועלן זיי מיך איצט שיקן? ווי אַזוי וועל איך זיך איינער אַליין אַן עצה געבן?

און ווו געפֿינט זיך איצט מיין צווייטער ברודער (דער עלטסטער), וועמען איך האָב איבערגעלאָזט אין גראָדנע, אָנהויב 1940? דערמאָנט האָב איך זיך אין מיין טאַטע־מאַמע, מיין דריטן ברודער, דעם בית"ריסט, וועלכער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַרשע, כּדי צו העלפֿן די עלטערן, און מיין קליין שוועסטערל, וועלכער האָט געהאַט אַ נייגונג „צום לינקן פֿליגל" (אַן איינפֿלוס פֿון איר סביבה אין דער שולע). אַזוי פֿאַרטיפֿט אין מיינע געדאַנקען בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפֿן ווייס איך נישט, מסתמא נישט לאַנג. פּלוצים האָב איך דערפֿילט אַ שטאַרך אין מיין אָרעם. דאָס האָט מיך מיין שכן געוועקט:

— מען רופֿט דיך! אייל זיך צו. מען זוכט דיך אַרום אַ פּאָר מינוט... און מ'גיט שוין אַרויס מיטאָג:

אַריבערגעוואָרפֿן דאָס זעקעלע איבער די פּלייצעס, האַלטנדיק אין האַנט דאָס בלעכענע קעסעלע בין איך געלאָפֿן צו דער קיך, ווו עס איז געשטאַנען אַ ריי נאָך דער זופּ.

זייענדיק נאָענט צו דעם פֿענצטערל און אומגעדולדיק

— עס מאַכט נישט אויס — האָט גענעראַל ראַפּאַ־פּאָרט מיט גאָר אַ וויכן טאָן געזאָגט: — אומעטום איז סאָוויעטיש היימלאַנד, לעמבערג אָדער אַן אַנדער אָרט — אַלץ איז דאָס זעלבע, די מלוכה וועט שוין זאָרגן פאַר אייער פרוי און קינד...

במשך איין וואָך — מיט אונדזער הילף האָט מען אין די באַראַקן שוין געקאָנט וווינען. עס איז פאַרטיק געוואָרן אַ באַראַק פאַר אַ שפּיטאָל, פאַר אַ קיך און אַ בע־קעריי. אין דער זעלבער צייט איז דער שטח אַרומגע־צוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָטן, געשטאַנען זענען אויך עטלעכע טורעמס אויף וועלכע זעלנער האָבן גע־האַלטן וואַך אַ גאַנצן מעת־לעת. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרקעסטער (מיין ברודער איז דאָרט געווען אַ פיד־לער), וועלכער האָט אונדז געזעגנט יעדן פרימאָרגן מיט מוזיק ביים גיין צו דער אַרבעט און אין די אָוונטן — ביים צוריקקומען.

## די אויספאָרשונג

ווי פריער דערמאָנט האָבן מיר, דער אַזוי גערופענער „לעמבערגער עטאַפּ" קיין משפט נישט געהאַט און דעריבער נישט געוווּסט אין וואָס מען באַשולדיקט אונדז. מיר האָבן כסדר געפאָדערט ביים „נאַטשאַלניק" אַן אויפ־קלערונג וועגן אונדזער שולד וואָס קאָנען מיר דערוואַרטן אין דער צוקונפט. ער האָט וואָרשיינלעך אַליין נישט גע־וווּסט, ווייל דער ענטפער זיינער איז געווען:

— האָט געדולד, די סאָוויעטישע מאַכט פאַרגעסט נישט וועגן קיינעם... איר מעגט זיין רואיק. עס וועט קומען אַ ריי אויך אויף אייך...

און דער טאָג איז געקומען. 3 נ.ק.וו.דיסטן פון כאַרקאָוו זענען אָנגעקומען אין לאַגער אריין. עס האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס פאַרהערן. איך בין צוגעטיילט צו איין אויס־פאָרשער אַלס איבערזעצער. און דעריבער באַפרייט גע־וואָרן פון דער אַרבעט. די גאַנצע אויספאָרשונג איז באַ־שטאַנען פון שטעלן פראַגן, וואָס זענען געווען געדרוקט אויף אַ פראַגע־בויגן. די אויספאָרשער האָבן זיך אפילו נישט פאַרטראַכט צי די פראַגן פּאַסן זיך צו דער אויס־געפרעגטער פּערזאָן. צוליב דעם איז אָפט געקומען צו קאָמישע סיטואַציעס. צ. ב. מיך האָט ער, צווישן אַנדערן געפרעגט:

— וואָס האָסטו געטאָן אין יאָר 1917?

— איך ווייס נישט, איך בין נאָך דאַן נישט געבוירן געוואָרן...

— וואָס האָט דיין טאַטע געטאָן אין 1905?

— איז ער געווען אַ ווייסגוואַרדייער?

— איך האָב נישט קיין אַנונג — האָב איך געענטפערט.

דאַן איז ער איבערגעגאַנגען צו זוכן אַ באַשולדיקונג קעגן מיר.

— איך באַשולדיק דיך אין איבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ פון דייטשלאַנד קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַר דעם חטא דראָט דיר פון 3 ביז 5 יאָר תפיסה אָדער פאַרשיקונג.

— איר קאָנט מיך נישט באַשולדיקן, ווייל איך בין נישט אריבערגעגאַנגען קיין שום גרענעץ. איך בין געווען אין לעמבערג פאַר אייך, דאָס זענט איר אריבער די גרע־נעץ קיין פּוילן — האָב איך אפשר חוצפּהדיק געענט־פערט. אָבער מיין מוט האָט זיך גענומען דערפון וואָס מיר ביידע זענען דורך דער צייט געוואָרן נאָענט, ממש גוטע פריינד.

— נו, גענוג, גענוג. אויב אַזוי וועסטו באַשולדיקט אין פאַרלעצן דאָס פּאַספּאָרטן־געזעץ, ווייל דו האָסט גע־לעבט אויפן שטח פון ראַטנפאַרבאַנד אָן אַ פּאַספּאָרט. און דערפאַר דראָט דיר פון דריי ביז פינף יאָר.

— אויסגעשלאָסן — האָב איך זיך ווידער קעגנגע־שטעלט. — קודם־כל בין איך אַ פּוילישער בירגער, און צווייטנס, ווען איך האָב זיך געוואָנדן וועגן אַ פּאַספּאָרט האָבן די סאָוויעטישע אויטאָריטעטן מיר אָפּגעזאָגט.

— בער־לייבאָוויטש — האָט דער אויספאָרשער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן — דו ווייסט, איך בין דיר אַ גוטער פריינד. איך וויל פאַר דיר דאָס בעסטע. וואָס ווילסטו איך זאָל דיך באַשולדיקן אין זיין אַ „סאָ־ציאַל־געפערלעכער עלעמענט" אָדער סאָציאַל־שעדלע־כער עלעמענט", וואָס טראָגן מיט זיך אַ סך אַ שווערערן אורטייל. איך ראָט דיר בעסער אונטערשרייבן אָט דעם דאָקומענט, אין וועלכן דו ביסט זיך מודה אין פאַרלעצן דאָס פּאַספּאָרטן־געזעץ. און נאָך איין זאַך: סיי ווי וועסטו מוזן קריגן אַן אורטייל, טאָ נאָך וואָס דאַרפסטו מיר שווע־רער מאַכן דאָס לעבן. איך וועל מוזן אויפקלערן פאַר מיין נאַטשאַלסטוואָ די סיבות פון דיין אָפּזאָג זיך אונטער־צושרייבן. איך קאָן האָבן גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן, פאַרשטייסט?

איך האָב פאַרשטאַנען און אונטערגעשריבן.

פון דעמאָלט אָן איז פאַרביי אַ יאָר צייט אָבער קיין געריכט איז נישט פאָרגעקומען און קיין אורטייל האָט מען מיר נישט פאָרגעלייענט.

## „ערגער פון מערדער"

נאָכן אָפּפאָר פון די אויספאָרשער איז דאָס לעבן אין לאַגער צוריק אַרויף אויף די איינגעשטעלטע דרכים. פאַר־טאָג געלאָפן צו דער קיך נאָך דער זופּ, נאָך אַ קאַרטאָפל, שנעל אויסטרינקען די זופּ און שטעלן זיך צום טעגלעכן אַפּעל.

דאָ ווערן מיר געציילט צי עס פעלט נישט עמעצער, צי איז חלילה עמעצער נישט אַנטלאָפן, אָדער גאָר פאַר־שלאָפן. און דאַן אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטער אַרויס צו דער אַרבעט ביז זון־פאַרגאַנג. געווען אָבער אַ צייט, ווען די זון איז טאַקע פאַרגאַנגען, אָבער די נאַכט איז נישט געקומען. דאָס איז געווען די צייט פון די „ווייסע" נעכט. אין דעם פּעריאָד האָבן מיר געמוזט אַר־בעטן עטלעכע שעה מער ווי געוויינטלעך. אונדזערע הי־טער מיט די ביקסן האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז עמע־

נאָכן אָפּזיצן צוויי וואָכן אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס „פּיאַטראַ אי פּאַוולאַ“ האָט מען אונדז (אחוץ די געוו. מיטגלידער פון „מאָפּר“ — האָט מען זיי באַפרייט אָדער פאַרשיקט ערגעץ אַנדערש?) פאַרשפּאַרט אין פראַכטוואַגאָנען און געפירט. וואַהין? קיינער ווייסט נישט... צוויי וואָכן האָט געדויערט די רייזע — ביינאַכט געפאָרן, בייטאָג געשטאַנען. ווייט פון דער באַן־סטאַנציע... די באַדינגונגען אין די וואַגאָנען זענען געווען ווייט פון דערטרעגלעכע... אָבער מ׳האָט אויסגעהאַלטן.

ווען אונדזער טראַנספּאָרט איז שטיין געבליבן נעבן אַ סטאַנציע און עס האָט זיך דערהערט דאָס ראַשיקע סקריפּן פון די אייזערנע שטאַבעס, מיט וועלכער די וואַגאָנען זענען געווען פאַרשלאָסן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען שוין אָנגעקומען. די טירן האָבן זיך געעפנט. פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די אויגן צוליב דער שטאַרקער זון, האָב איך דערזען צווישן עולם מיין עלטערן ברודער.

דאָס אָרט וווּ מיר זענען אויסגעשטיגן האָט געהייסן „פּערעבאָרי“, דאָרט האָט זיך געפונען דער „איבערשיקונגס־לאַגער“. דאָ פלעגן פאָרקומען די סעלעקציעס פון די אַרעסטירטע און דאָס פאַנאַנדערשיקן אין פאַרשידענע לאַגערן. במשך פון אונדזער פאַרברענגען אין דאָזיקן לאַגער (אַן ערך צוויי וואָכן) האָבן מיר געזען אַ כסדרדיקן שטראָם פון פרישע טראַנספּאָרטן נישט דווקא פון פּוילישע יידן, נייערט די מערהייט זענען געווען רוסן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן צוליב „פאַרברעכנס“ וועלכע האָבן פאַר אונדז אויסגעזען ביז גאָר לעכערלעך.

קיין שום פאַרהערונג מצד דער נ.ק.וו.ד. איז נישט פאָרגעקומען און מען האָט קיינעם פון אונדזער לעמבערגער טראַנספּאָרט נישט באַשולדיקט אין וואָסער ס׳זאָל נישט זיין פאַרלעצונג פון סאָוויעטישן געזעץ. דאָס איז געקומען שפּעטער.

## אין לאַגער טורגעניעוואָ

אין פרימאָרגן האָט מען אונדז אַן ערך אַ טויזנט פערזאָן אַרויפגעלאָדן אויף אַ באַרזשע. וואַהין האָט מען אונדז נישט געזאָגט און קיין פראַגן האָט מען נישט געטאָרט שטעלן: „ניקאַקיך וואָפּראָסאָוו“ — האָט מען אונדז אָנגעזאָגט. וואַרשיינלעך איז די באַרזשע געשווומען אין דער צפונדיקער ריכטונג און די רייזע האָט געדויערט אַן ערך צוויי וואָכן. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען אַ חוץ פּוילישע יידן געווען עטלעכע דייטשע, עסטרייכישע און אונגאַרישע יידן און אפשר אַ צענדליק פּאָלאַקן. די מאָנאָטאָנע אַטמאָספער און אָפּט דערדריקנדיקע שטימונג וואָס האָט געהערשט אויף דער באַרזשע פלעגט פון צייט צו צייט איבערגעריסן ווערן דורך אַן עסטרייכישן ייד, וועלכער איז געווען אַ היפּנאָטיזירער. מיט זיין קונסט האָט ער פאַרוויילט דעם עולם און יעדער ׳קליענט׳ זיינער האָט פאַר ווערן היפּנאָטיזירט געצאָלט מיט אַ שטיקל ברויט.

לסוף זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט. מיר קוקן זיך אַרום. ווי ווייט אונדזער בליק האָט געקאָנט גרייכן האָט מען געזען נאָר וועלדער. הויכע געדיכטע ביימער האָבן פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי רירן ממש אָן די שוואַרצע וואָלקנס.

אויף אַ בערגל, וואָס איז געווען אינמיטן פונעם ליידיקן שטח, וווּ מיר אַלע זענען געזעסן אויף דער ערד, איז געשטאַנען אַ מיליטערמאַן. דאָס איז געווען דער גענעראַל־מאַיאָר ראַפּאָפּאָרט פון דער ק.ג.ב. (מיניסטעריום פאַר מלוכהשער זיכערקייט).

היות ווי איך האָב פאַרהעלטנישמעסיק גערעדט אַ בעסערן רוסיש ווי אַלע איבעריקע פאַרשיקטע, האָט מיך מיין ברודער געבעטן איך זאָל פרעגן דעם יידישן גענעראַל וואָס וועלן מיר דאָ טאָן, און צי איך וועל קאָנען אַרבעטן אין אַן אַפּטייק.

איך האָב זיך נישט געפוילט, זיך דערנענטערט צום בערגל און אַ זאָג געטאָן אויף רוסיש:

— חבר גענעראַל...

— איך בין נישט דיין חבר. דו ביסט אַן אַרעסטאַנט און איך בין אַ פרייער מענטש — האָט דער גענעראַל מיר איבערגעריסן מיט אַ בייזער שטימע.

איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין אומוויסנהייט. דאַן האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז איך דאַרף זיך ווענדן צו אַזעלכע ווי ער מיטן פּאָרטיטל: „בירגער“. אויף מיין פראַגע, וועלכע איך האָב אים געשטעלט איז געקומען דער דאָזיקער ענטפער:

— אוודאי וועסטו קאָנען אַרבעטן אין אַפּטייק. קוק זיך ארום. מיר האָבן דאָ אַזוי פיל פּלאַץ, ווען איר וועט אויפבויען באַראַקן צום שלאָפן, איינאָרדענען אַ שפּיטאָל און אַן אַפּטייק, וועסטו וואַרשיינלעך קאָנען דאָרט אַרבעטן.

אין דעם מאָמענט איז צוגעלאָפן א ייד מיט אַ געל בערדל און אַ שטריימל אויפן קאָפּ, אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע און ווייסע סקאַרפּעטן.

— בירגער גענעראַל... — האָט דער ייד אָנגעהויבן זיין ביטע אויף יידש.

— איך פאַרשטייט נישט קיין יידיש — האָט גענעראַל ראַפּאַפּאָרט אַ זאָג געטאָן.

האָט דער ייד דערציילט וועגן זיין אומגליק אויף אוקראַיניש, ער איז אַ לעמבערגער, געהאַט אפילו אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן און דאָך האָט מען אים אין מיטן העלן טאָג אַרעסטירט אין גאַס, בעת ער איז געלאָפן אין שפּיטאָל אריין, וווּ זיין פרוי האָט נאָר־וואָס געבוירן אַ זונעלע — אַן ערשטלינג. אין איילעניש האָט ער זיין פּאַספּאָרט איבערגעלאָזט אין שטוב; און איצט איז ער אַן אומשולדיקער פאַרשיקט געוואָרן און זיין פרוי מיטן נייגעבוירענעם קינד זענען געבליבן אומבאַהאָלפענע אין לעמבערג.

— העלפט מיר, ביטע, בירגער גענעראַל — איז דער ייד אריינגעפאַלן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, איך זאָל קאָנען צוריקפאָרן צו מיין פרוי און קינד...

ר׳ בנימין, לאָזט די דאַטע פּריי. שרייבט בלויז ת.נ.צ.ב.ה.

מיין פאָטער האָט ר׳ חיימען דערלאַנגט אַ האַנט און אים אָנגעווינטשן אַ סך גוטע יאָרן.

ר׳ חיימס מצבה האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט מער ווי אַלע אַנדערע.

★

די צייט איז זיך געגאַנגען איר גאַנג. ר׳ חיים קאַליש פלעגט אָפט קומען אָנקוקן זיין מצבה. אַלץ איז געווען ווי ער האָט געבעטן. אין דער זון האָבן די גאָלדענע אותיות געבלישטשעט אויפן שוואַרצן שטיין:

„פה נקבר איש תם וישר חיים בר׳ ישכר קאַליש״.

עס האָט נאָר געפעלט די דאַטע...

— ר׳ בנימין — פלעגט ער זיך ווענדן צו מיין פאָטער מיט אַ טרויעריקן שמייכל — איך בין צופרידן, אַז דער שטיין שטייט נאָך ביי אייך... איך האָף צו קומען און קומען... אפשר וועט מיין גרייטן זיך פאַרלענגערן מיין לעבן — ווייזט אויס, אַז עד היום איז מיין רייע נאָך נישט געקומען...

— אודאי, האָט מיין פאָטער אים געענטפערט, ביז הונדערט און צוואַנציק!...

★

ר׳ חיימען איז נישט באַשערט געווען צו ליגן אונטער דער מצבה, וואָס ער האָט פאַר זיך באַשטעלט ביים לעבן. דורך די נאַצישע מערדער איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן מיט נאָך טויזנטער ביאַליסטאָקער יידן און צו קבר ישראל איז ער נישט געקומען.

ווען איך האָב נאָכן קריג באַזוכט מיין היימשטאָט, האָב איך אויף מיין פאָטערס אַרבעטס־פּלאַץ, אויף דעם „קליינעם בית עלמין״, נישט געפונען קיין זכר פון אַ שטיין. די גויים האָבן אַלץ צוגערויבט. דער פּלאַץ האָט געפּוסטעוועט און געשראָקן מיט זיין ליידיקייט.

ר׳ חיים און די געשיכטע מיט זיין מצבה איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון מיין זכרון דורך אַנדערע געשעענישן. איינמאָל איז מיר צופעליק אויסגעקומען צו זיין אין דער פוילישער געגנט פון ביאַליסטאָק, און גייענדיק איבער איינער פון די הינטערגעסלעך, האָב איך פּלוצלינג צווישן די פּראָסטע שטיינער פון פּריש אויסברוקירטן טראָטואַר דערזען אַ שטיין, וואָס האָט געשפּיגלט ווי מאַרמאָר פון אַ גוטן סאָרט.

אַ מאָדנער פאָרגעפיל האָט מיך אונטערגעטריבן צו פאַרשנעלערן די טריט. ווען איך בין צוגעקומען צום אָרט, האָב איך צו מיין שטוינען דערקענט, אַז דאָ איז אַ יידישע מצבה איינברוקירט געוואָרן. האָב איך זיך אַראָפּגעבויגן, אַוועקגעשאַרט דעם שטויב פון די אָפּגעריבענע גאָלדענע אותיות און מיט שוועריקייטן דאָך איבערגעליינט.

„פה נקבר חיים בר׳ ישכר קאַליש״.

עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. וויינען האָב איך נישט געקענט. דער שטיין, האָב איך געטראַכט — ליגט דאָ, זיין הייליקייט צעטראָטן, און ווו איז ר׳ חיים קאַליש?...

ב. האָניגמאַן

# אויף גאָטס באַראָט

(עפּיזאָדן פון וואָגלעניש)

אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט איך אַזאַ נסיעה (אויב מען קאָן דאָס בכלל אַזוי באַצייכענען) וואָרשיינלעך נישט דורכגעמאַכט. אין מיינע ווילדסטע חלומות האָב איך זיך קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ מין וואַנדער־וועג ווי אין יענע יאָרן. אָבער מיר האָט דאָס „מזל״ צוגעשפּילט און במשך פיר לאַנגע יאָרן האָב איך באַוויזן דורכצוריי‌זן, דורכצוּוואַנדערן טויזנטער קילאָמעטער; איבערצולעבן פיל טרויעריקע ווי אויך אַ ביסל פריילעכערע טעג; געפרווירן געוואָרן אין די פּראָסטיקע געביטן אויפן צפון און געשוויצט אונטערן ברענענדיקן הימל אין מיטל־אַזיע, געאַרבעט אין אַן אַפּטייק אין די מערב־געביטן פון סאָוועטן־לאַנד און געבענקט נאָך אַ שטיקל ברויט צו דער זאַט אויפן ווייטן מזרח פון דאָזיקן ריזיקן לאַנד.

מיין וואַנדער־וועג איז געווען פול מיט איבעראַשנדיקע געשעענישן, וועלכע האָבן אָן ספק געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף מיין שפּעטערדיקן לעבנס־גאַנג און פיל עפּיזאָדן פון אָט דעם פּעריאָד האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

געווען בין איך איינער פון די „סטאַכאַנאָווצעס״ האָלץ־העקערס אין דער טייגע און געאַקערט די ערד מיט אַ הילצערנע סאָכע, געשלעפּט דורך אָקסן אין אוזבעקיסטאַן; בייגעווינט „ווייסע נעכט״ נעבן לענינגראַד און געשמידט פערד אין קאָלכאָז; געפאָרן אין פּראַכטוואַגאָנען נישט ווויסנדיק אפילו וווּ זיי וועלן מיך פאַרפירן, און געפירט תבואה אויף קעמלען דורך וויסטע סטעפּעס...

געווען צייטן פון טיפוס און מאַלאַריע, און איך האָב געווינט ווי אַ קליין קינד, נישט קאָנענדיק זיך אויפשטעלן אויף מיינע פיס מיט אייגענע כוחות; באַקומען 100 רובל פון אַ מיליציאָנער פאַר אָפּריכטן אַ תפילה נאָכן מאָלצייט, אויף... אוזבעקיש, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אויך געווען געקליידט אין זייערע בגדים... און נאָך און נאָך צענדליקער פאַרשידענע קוריאָזן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען ביי‌צוזיין און איבערצולעבן...

דאָס אַלץ האָב איך דורכגעמאַכט איינער אַליין, אַלטזייענדיק זעכצן יאָר. געראַטעוועט מיינע גאַנצע ביינער פון די היטלעריסטן, האָב איך פאַרלאָזט מיין געבורטסשטאָט וואַרשע און געלאָזט זיך אויף אומבאַקאַנטע וועגן און אומוועגן, נישט ווויסנדיק וווּ איך וועל היינטיקע נאַכט געפינען אַ געלעגער אָדער פּשוט אַ ווינקל איבערצונעכטיקן און וווּ וועל איך מאָרגן קאָנען באַקומען אַ גלעזל טיי...

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין יוני 1940. צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע קרבנות פון דער סאָוועטישער געזעצגעבונג, בין איך אין לעמבערג אריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דאָרטיקער מיליץ.

אידאַ סאָקאָלאָווסקי

# קוקט אַ ייד אויף זיין מצבה...

צו ר׳ חיימען, זענען ווי צו יעדן מענטשן, געקומען מאָמענטן ווען מען הויבט אָן טראַכטן און אריינקוקן אין די פאַרשווונדענע נעכטנס... יאָרן וועלכע זענען אַוועקגעשווומען ווי שטורמישע וואַסערן, מיטנעמענדיק מיט זיך פיל געשטאַלטן און געשעענישן. יאָרן פון פריידן אוןליידן, יאָרן פון עליות און ירידות, יאָרן פון קאַמפן, וואָס פיל פון זיי זענען פאַרבליבן איינגעקריצט אין זכרון, און אָפטמאָל טויכן זיי אויף מיט אַ דערמאָנונג.

ר׳ חיים גרייט זיך צו יענער וועלט, צום עולם האמת, צום עולם הבא, נעמט ער זיך באַציייטנס באַזאָרגן מיט אַלע הצתרכותן — מיט לייוונט פאַר די אייביקע קליידער, באַשטעלט אַפילו אַ מצבה — און נעמט וואַרטן אויף דעם אומפאַרמיידלעכן טאָג.

---

ווי אַ פילם־לענטע דרייט זיך דער עבר פאַר מיינע אויגן, און שטעלט זיך אָפּ אויף איינער פון די געשעענישן, אַן עפּיזאָד וועלכן איך געדענק זייער קלאָר.

מיין היימשטאָט ביאַליסטאָק. דאָס לעבן איז געפלאָסן נאָרמאַל. געאַרבעט און געהאָפט — דער עיקר האָט מען געהאָפט אויף שלום... מען האָט שוין דאַן געשפּירט דעם וואַקסנדיקן האַס פון די גוישע שונאים, וואָס האָבן פון תמיד געלויערט אויפן ייִדישן פאָלק. אָבער יעדער איינער האָט זיך פאַרגאַרגלט מיטן ייִדישן בטחון; באַמיט זיך אונטערצושפּאַרן זיין אייגן לעבן, זיין אייגענע משפחה און נישט דערלאָזן, חלילה, עס עס זאָל זיך צעפאַלן. אויסהאַלטן און איבערהאַלטן, ווי לאַנג עס לאָזט זיך, צו להכעיס די ייִדישע שונאים.

מיין פאָטער ר׳ בנימין איז פון פאַך געווען אַ מצבה־קריצער. אַ ייד א בן־תורה און אָפּגעהיט, פרום. אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד די קונסט פון צייכענען און סקולפּטור, האָט ער גלייכצייטיק באַקענט זיך מיט וועלטלעכער בילדונג. מיין פאָטער איז געווען א חשובער תושב אין שטאָט.

די מצבה־קריצעריי האָט זיך געפונען אין צענטער פון דער ייִדישער געגנט, אויפן שול־הויף, אויף באָזשניצנאַ גאַס. דער אַרבעטס־פּלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער בית עלמין. נעבן אַ מצבה פון פּראָסטן שטיין — אַ בוים מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן—איז געשטאַנען א מצבה פון טייערן געשליפענעם מאַרמאָר, געבראַכט פון שווייצאַריע

פיל ניי־גיריקע מענטשן פלעגן באַזוכן די מצבה־קריצעריי און באַוווּנדערן די קינסטלעך אויסגעאַרבעטע שטיינער, ספּעציעל די פיינע נוסחאות, אויף וואָס מיין פאָטער ע״ה איז געווען א גרויסער מומחה. מיין פאָטערס פיינע אַרבעטן זענען געווען גוט באַקאַנט אין שטאָט צווישן ייִדן, און אויך צווישן קריסטן. אויב אַ קריסט איז געקומען באַשטעלן ביי אים אַ מצבה, האָט מיין פאָטער אַזאַ באַשטעלונג נישט אָנגענומען. ווי אַ פרומער ייד האָט ער נישט געוואָלט באַשעפטיקן זיך מיט קריסטלעכע עמבלעמען.

צו מיר האָבן די גאָלדענע אותיות פון טויט, וואָס האָבן געפינקלט אין דער זון מיט לעבן, מער גערעדט ווי די אותיות פון דעם עולם הזה — איך האָב אין זיי געזען די אייביקייט פון דעם עולם־הבא.

אַ שטיק צייט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ר׳ חיים געקומען צו מיין פאָטער באַשטעלן אַ מצבה. ער האָט זיך ארומגעקוקט איבערן פּלאַץ און האָט אויסגעקליבן איינעם פון דעם טייערסטן שטיין — און נישט געדונגען זיך מיט מיין פאָטער וועגן פּרייז.

— ר׳ בנימין, האָט ער זיך געוואָנדן צו מיין פאָטער, קריצט אויס אַ נוסח אַ פּשוטן, נישט איבערגעטריבן אין שבחים. אָן גוזמאות.

— פאַר וועמען באַשטעלט איר דעם שטיין? — האָט מיין פאָטער געפרעגט — פאַר אַ מאַן, פאַר אַ פרוי?

— פאַר זיך אליין — האָט ר׳ חיים שטיל ארויסגעשטאַמלט.

מיין פאָטער איז געבליבן שטיין אָן לשון, פאַרגליווערט. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געוואָנדן צו דעם ייִדן:

— ר׳ ייד, עס איז נישט גלייך אזוי... א מצבה ביים לעבן?... זינט איך בין אַ מצבה־קריצער האָט איך נאָך אַזאַ פאַל נישט געהאַט!

ר׳ חיים האָט זיך צעוויינט. אַ שווער פאַרגעפיל האָט זיך ביי אים צונויפגעמישט מיט אַ רחמנות צו זיך אליין. אַן אָנגעזאַמלטע ביטערניש קעגן דער וועלט האָט זיך צוזאַמען מיט די טרערן ארויסגעריסן פון זיינע טיפענישן, ווי אַ שטורמיש וואַסער.

מיין פאָטער האָט געקוקט אויף ר׳ חיימען, און געטראַכט:

אַ ייד אין די הויכע זעכציקער גרייט זיך צום אומפאַרמיידלעכן טאָג. ווייזט אויס, אַז עס איז אים באַפאַלן דער חשבון הנפש, וואָס יעדער איינער מאַכט אַדורך, איידער מען טוט אים אַ רוף:

און אפשר איז ער אַן עלנטער מענטש און וויל קיינעם נישט אָנוואַרפן דעם עול? אפשר האָט דער ייד א פאָרגעפיל, אַז עס רוקט זיך אָן דער לעצטער טאָג זיינער, און ער איז ווי אַ פאַרלוירענער צווישן ביידע וועלטן, און זוכט זיין וועג? ווער קאָן וויסן?...

כדי איבערצורייסן די פריקרע שטימונג, האָט מיין פאָטער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר זאָלן זיין אָנגעשריבן אויפן שטיין?

— ר׳ בנימין — האָט ר׳ חיים שוין אביסל אַ באַרואיקטער געענטפערט — איך פאַרלאָז זיך אויף אייך. די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז איר זענט דער בעסטער פאַכמאַן. איך האָב דאָך אייך פריער געזאָגט: — אָן גוזמאות!

— נו, זאָל זיין אזוי. ווי איז אייער נאָמען?...

— חיים בר׳ ישכר קאַליש. יאָ, נאָך אַ זאַך,

באַמערקט אין „פּאַב“ טאַקע אויף בערק־סטריט, איידער מען איז אַוועק אויף נאַכט־שיכט.

שוין דאַן האָבן חברה געוווסט אָפּצושאַצן זייער ווערט, וואָרעם מענער זענען ווייניק געבליבן אין דער היים. עס האָט אים אַ צי געטאָן צו איר. האָט ער דען געמוזט חתונה האָבן? אַנדערע וואָלטן אַזאַ פּאַסירונג צוגעשריבן צו די מלחמה־דערפאַרונגען...

אָט דאָ, אין „פּאַב“ טאַקע האָט זיך ווילי געכאַפּט — פאַרוואָס ער פאַרטראָגט ניט דעם מאָנטיק, ווען ער ווערט אַ דרויסנדיקער; ווען ער פאַלט ארויס פון קרייז פון זיינע מיטאַרבעטער, און די ווערט פון זיינע אַקציעס זינקען דאָ מוראדיק, ווי עס וואָלט אַ קראַך געווען אויף דער בערזע.

נאָר ניט פאַרטראַכטערהייט האָט עס פּאַסירט: סטעללאַ האָט געמוזט צופאָרן אויף עטלעכע טעג צו איר שוועסטער. די שוועסטער איז שוין נישט געווען קיין יונגע, און דאָ איז זי גראָד צוריקגעקומען פון שפּיטאָל. זי האָט זיך אויף ווילין געקאָנט פאַרלאָזן — ער וועט ניט פאַרלוירן גיין, בלויז עטלעכע טעג.

ווילי האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן, דער אַרבעטס־טאָג זאָל פאַרביי. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן, געפּוצט, אָנגעטאָן דעם בעסטן אנצוג — אָט דעם טונקל בלאָען מיטן שטרייפל, וואָס אין אים האָט ער תמיד אויסגעזען מער מאָנספאַרשוין. אָן אַ פּלאַן איז ער אַרויס אין דרויסן, מיטן מיין — גיין עפּעס אָפּצועסן. איין טעקסי נאָך דער צווייטער זענען פאַרבייגעפאָרן. ער האָט זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט. דער טעקסי־דרייווער האָט אים אויסגעזען דער ריכטיקער פאַרשוין פאַר אַזאַ מין עקספּעדיציע. אינסטינקטיוו האָט ער דערפילט, אַז אָט דער חברה־מאַן האָט אַן אַנונג, און קאָן די שטאָט — און מיט אים וועט ער ניט פאַרלוירן גיין.

און ער האָט געטראָפן: צוערשט זענען זיי אָפּגעטראָטן אין אַ זייטיקן „פּאַב“, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך — אַזוי צו זאָגן — פאַר קוראַזש וועגן. דער טעקסי־דרייווער האָט אָן צופיל פאַרטייטשונגען באַלד אָפּגעשאַצט ווילים באַדערפעניש, און ווי נאָר די שטאָט האָט זיך טיפער איינגעהילט אין אָוונטדיקער טונקלקייט, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער האַלב־פינצטערע געסלעך. ווילי האָט געזען: דער חברה־מאַן איז געניט אין די זאַכן. ווען זיי זענען דורך אַ זייטיקן הויף אַריין אין אַ קוים־באַלויכטענעם קאָרידאָר, און דורך אים אין אַ קליינעם סאַלון, וואָס האָט אויסגעזען ספּק ווייך־קעלער, ספק „טור־אַפּ“ שפּיל־הויז, איז ביי ווילין די נשמה אריינגעפאַלן אין די פּיאַטעס: פון שרעק און פון דערוואַרטונג. ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן און ניט געוווּסט צי דער חברה־מאַן האָט אים ריכטיק פאַרשטאַנען. נאָר יענער האָט צו אים ווילעריש אַ קנייטש געטאָן דאָס אויג, און דאָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז: מען פאַרשטייט זיך.

דעם שאַמפּיין וואָס מען האָט דאָ דערלאַנגט, איז ניט געווען דער בעסטער און אויך ניט דער ביליקסטער. נאָר ווילי האָט געצאָלט. ערשט ווען ער האָט זיך אַביסל צוגעוווינט צום אַרום, זענען ווי פון אַ נעפּל ארויסגעשווומען אַנדערע טרינקער, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך. מערסטנס — איינזאַמע פרויען. אויף אַ בלאָנדער אַזאַ — האָט אים דער טעקסי־דרייווער אָנגעוויזן. אָננעמענדיק זיך מיט מוט האָט זיך ווילי פאָרגעשטעלט און אויך פאָרגעלייגט צו באַשטעלן אַ טרונק. — מיט פאַרגעניגן — אָט דאָס הייסט אַ דזשענטלמען...

געטרונקען האָבן זיי שוין זאַלבעדריט, און אַז די נאָענטקייט איז געוואָרן גאָר היימיש, האָט אָט די בלאָנדע

— וואָס ווילי האָט ביי זיך בשום אופן נישט געקאָנט אָפּמאַכן, ווי אַלט זי קאָן עס אַ שטייגער זיין, און וואָס פון דעם אַלעם וועט אַרויסקומען — פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אריבערפאָרן אין איר וווינונג — טאַקע דאָ ניט ווייט — און דאָרטן וועט מען מען זיך פאַרווילן.

מיט אַ שווער האַרץ האָט ווילי אויפגעמאַכט דעם טייסטער, באַצאָלט פאַר עטלעכע פלאַשן שאַמפּיין: — די ממזרים — זיי רייסן דאָ די הויט — נאָר מסתמא דאַרף מען אַזוי...

— נו, טייערער — האָט אים די בלאָנדע אַ זאָג געטאָן — צעצאָל זיך מיטן טעקסי־דרייווער, וויל פון איצט אָן, ביזטו מיין גאַסט... ווי אַ געהאָרכזאַם יינגל האָט ווילי אויסגעפאָלגט.

די דויסנדיקע קילקייט האָט ארומגענומען. דער ביר און דאָס ווין האָבן געשפּילט אין ווילין, ווי אַן אָרקעסטער — אָן אַ דיריגענט. ער איז נישט איבעריק קלוג געווען אין דער מינוט, און ס'האָט אים אפילו נישט געאַרט. ער האָט זיך איינגענורעט אין דער פרוי. דערוואַרטונגען האָבן אים געמאַכט אומגעדולדיק. מיט אַ בליק דורכן פענסטער האָט ער זיך אָריענטירט ווו זיי געפינען זיך. די באַלויכטענע פיצראָי־סטריט אין סט. קילדא האָט געראוישט מיט לעבן. דער גערוך פון „פּיזאַס“ און „האַמבורגערס“ האָבן אַ קיצל געטאָן די נאָז־לעכער. נאָר ווילי איז געווען פאַרטאָן אין זיין אָפּגעשלאָסענער וועלט — פול מיט שפּאַנונג, פאַר דעם, וואָס עס וועט היינט ענדלעך פּאַסירן — מיט אים אַליין, און ניט מיט אַנדערע...

מיט אַ צעפּיעשטשעטער שטימע האָט די פרוי איינגערוימט ווילין אין אויער:

— אָ, כ'בין הונגעריק... ס'וואָלטן גוט געווען עטלעכע „האַמבורגערס“, זיי וועלן זיין גוט מיט שאַמפּיין...

די טעקסי איז שטיין געבליבן. ווילי איז מיט יינגלערישער געשיקטקייט ארויסגעשפּרונגען. אינעווייניק, אַרום בופעט, ווו מען האָט צוגעגרייט די „האַמבורגער“ זענען מענטשן געשטאַנען אין אַ ריי און געדולדיק געוואָרט. ווילי האָט ניט געהאַט קיין עצה. ער האָט באַשטעלט אַ האַלבן טוץ, עס זאָל קלעקן אויף אַ גאַנצע נאַכט. דאָס פליש האָט זיך געבראָטן. די ציבל זענען ברוין געוואָרן און ווילין איז אַזש געקומען דאָס שפּייעכץ אין מויל אַריין. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זינט מיטאָג צייט האָט ער גאָרניט געגעסן, און דאָ איז שוין באַלד אַרום צען אָוונט.

מיט געניטקייט האָט דער קוכער איבערגעדרייט דאָס פליש, צעפּערטלט טאָמאַטן, צוגעזאַלצן, געפּרעגלט אייער אין רונדע בעקעלעך.

צום סוף איז ווילי מיט צווי פולע ביימעלעך הייסע, שמעקעדיקע „האַמבורגערס“ געבליבן שטיין אין דרויסן. דאָס גאַסן־ליכט האָט העל געלויכטן. נעאָנס האָבן רויט און בלוי געבלענדט די אויגן.

ווילי האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט מיטן בליק די טעקסי, און זי ניט געקאָנט באַמערקן.

— אפשר האָט זי ניט געקאָנט וואַרטן אזוי לאַנג און פאָרט אהין און צוריק?

טעקסיס זענען פאַרבייגעפאָרן, אָבער זיי האָבן זיך אויף אים ניט ארומגעקוקט, מיט פאַרנומענע הענט האָט ער אפילו קיין צייכן נישט געקאָנט זיי געבן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן. ער האָט גענומען גיין אהין און צוריקביים ראַנד פון טראָטואַר.

מענטשן האָבן זיך שוין גענומען וווּנדערן אויף אַ גוט־געקליידטן מאַן, וואָס שטייט אזוי ביים ראַנד פון טראָטואַר, מיט צוויי פולע ביימעלען „האַמבורגערס“ און שטאַרט אין דער נאַכט...

עס וועט אָבער ניט איבעריק זיין צו באַמערקן, אַז אזוי, פאַרבייגייענדיק, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין די זשוראַלן וואָס זיי האָבן געלייענט. ער האָט זיך אָפּט אריינגעכאַפּט אין וואַש־צימער, ניט מחמת ער האָט געהאַט אַ באַדערפעניש דערצו, נאָר מיט דער האָפענונג, אַז עמעצער פון דער חברה וועט איבערלאָזן אַ זשורנאַל, און ער וועט עס קאָנען אָנקוקן הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר, אין זיין פריוואַטקייט. און אַמאָל — און אפשר מער ווי איין מאָל — איז אים געלונגען די נייגעריקייט זיינע צו באַפרידיקן.

ער האָט דאַן פאַרריגלט די טיר, זיך באַקוועם גענומען און גענומען מיט נערוועזע פינגער מישן די בלעטלעך. די קאָלירטע בילדער האָבן אין זייער נאַקעטקייט ממש געאָטעמט מיט לעבן, מיט צוזאָג — כאָטש נעם און צעפיר די הענט איבער זיי... נאָר וויל ער האָט זיי ניט געקאָנט דערגרייכן (סיידן אין חלום) איז ער עפּעס נישט געווען זיכער ביי זיך:

— זענען טאַקע דאָ ביי פרויען אזעלכע גלידער? אַזאַ רייץ? אפשר האָבן די פאָטאָגראַפן באשאפן דעם רייץ דורך ליכט „טריקס״?

און נאָך האָט ער געוואָלט פאַרשטיין: (און דאָ קאָן מען אויפשרייבן מיט אַ ריינעם געוויסן) אוודאי האָט ער געוואָלט וויסן: אויב אים רודערן אזוי אויף די בילדער, טאָ ווי האָט דער פאָטאָגראַף געקאָנט בלייבן רואיק, פּראָפעסיאָנעל ווען ער שטייט ניט מער ווי עטלעכע טריט פון לעבעדיקן אָביעקט, ווען ער פילט די וואַרעמקייט און דעם גלי וואָס שטראַלט ארויס, קאַלבלוטיק אַראָפּנעמען דאָס בילד, און ס׳זאָלן אים דערביי די הענט ניט ציטערן?

דאָס האָט ער געוואָלט דערגיין מיטן אייגענעם שכל, וויל ווילי האָט ניט געהערט צו די, וואָס וועלן דאָ ארומגיין און פרעגן פראַגן.

וואָס קענען מיר — זייטיקע — אָפּמשלען — וואָס ביי ווילין אין די געהירן האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענע מינוטן הינטער דער פאַרריגלטער טיר? אַלץ וואָס עס לייגט זיך אויפן שכל איז — אַז כאָטש ווילי האָט שוין געוווסט, וועמען ער קאָן אָנטרעפן אויף די דיקע, גלאַנציקע זייטן פון די זשורנאַלן (און אפשר טאַקע דערפאַר...) האָט ער מיט יינגלערישן נייגיר זיי געבלעטערט; אריינגעכאַפּט אַ פּאָר שורות פון טעקסט וועגן די דערפאַרונגען מיט וועלכע בריוו־שרייבער טיילן זיך און מיט וועלכע די בילדער זענען באַגלייט, און ער האָט געפילט ווי אַ שטורעם ווינט וואָלט זיך צעוויגט אין אים.

אינגאַנצן אומבאַמערקט איז פונדעסטוועגן ווילים אינטערעס אין די זשורנאַלן ניט פאַרביי, כאָטש ער האָט זיך באַמיט אויסצוזען, ווי עס וואָלט אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו נעמען אַזאַ זאַך אין דער האַנט אריין...

אין בירואָ האָט מען ווילין געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם; זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט און די דאָזיקע נייגעריקייט פאַרשריבן אויפן חשבון פון ווילים בחורישע פאַרלוסטן, וועלכע ער באַמיט זיך צו קאָמפּענסירן.

מאָנטיק — נאָך איידער מ׳האָט זיך גענומען עפּעס ריכטיק צו טאָן, האָט מען דורכגעלופטערט די נביאות פון פרייטיק:

— ווער ס׳וועט געווינען דעם „מעטש״; ווער ס׳וועט שיסן די גאָלן; וועלכעס פערד וועט געווינען, און די וואָס האָבן זיך געוועט און פאַרשפּילט, האָבן גאָר גיין חשק נישט געהאַט צו באַצאָלן. זיי האָבן געזוכט אַ וועג זיך אָפּצושפּילן.

אַ געוועט אויף דער צווייטער וואָך — טאָפּל אָדער גאָרניט... וואָרעם וויסן דאַרף מען, אַז צוליב עטלעכע דאָלער וועט אַ מענטש ניט גיין אויסבייטן דאָס רענדל, און שטיצן אַ צווייטן קלוב. ער איז גרייט צו גיין פאַר זיין „טים״ דורך פייער און וואסער: געווינען מיט אים און פאַרשפּילן מיט אים.

מאָנטיק מיטאָג־צייט זענען זיי אַלע — מיט ווילין בראש געגאַנגען אין „פּאַב״ אריין. געהייסן האָט עס: צו באַגיסן דעם זיג פון דער געווינענער מאַנשאַפט. דאָ איז ווילי ניט אָפּגעשטאַנען און געוויזן וואָס אַן עכטער „באַילער־מייקער״ קאָן. נאָר ווען מען האָט אָנגעהויבן זיך טיילן מיט די דערפאַרונגען פון דעם סוף־וואָכיקן פאַרברענגען, און די יונגע בחורים האָבן ניט געדאַרפט ערשט צוקלערן די פאַקטן, אָט דעמאָלט האָט ווילי גאָרניט געהאַט וואָס צוצוטראָגן. און הלמאי זאָל מען דאָס לייקענען: ווילי איז פון די געשיכטן געוואָרן מער אויפגערודערט, אינגאַנצן צעטראָגן, מער ווי פון די בילדער אין „פּליי־באָי״, אָדער „פּענטהאַוז״, וועלכע זענען אים אָפּט געקומען צו חלום.

— דאָס ברודערקע — איז לעבן; ממש לעבן — ניט סתם א מעשה וואָס עמעצער האָט צוגעטראַכט... און ער? שוין אָפּגערעדט פון היינט: אפילו ווען ער איז יונג געווען, האָט עפּעס אזוינס מיט אים גאָרניט פּאַסירט. ניין. ווילי האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו דערציילן.

נו, די חברה האָבן אויך ניט דערוואַרט, אַז ער — ווילי אַן „אָלד טיימער״ זאָל וויסן מיט וואָס מען עסט עס. דערפון האָבן זיי אויך קיין סוד ניט געמאַכט. די גלעזער ביר האָבן לויז געמאַכט די צינגען, און מיט מיטלייד האָבן זיי אים גוט־ברודעריש געקלאַפּט אין פּלייצע:

— זאָרג זיך ניט „מייט״ — האָסט טאַקע אַ היפּש ביסל פאַרשלאָפן, אָבער גלויב אונדז, עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט, וואָסי, גלויבסט נישט אין דיינע כוחות?

טיילמאָל האָט ווילי געפילט, אַז עס באַפאַלט אים אַ ווילדקייט; אַז אָט לויפט ער ארויס אין דרויסן און ער טוט זיך אַ לאָז נאָך די יונגע יאָרן אָפּצוטאָן עפּעס אזוינס — פון וואָס זיינע מיטאַרבעטער וואָלטן געוואָרן איבערראַשט, און ער וואָלט זיך נאַכער געדאַרפט אַ גאַנץ לעבן שעמען. די געדאַנקען זיינע זענען געווען ווי כוואַליעס פון ים וואָס רייסן זיך צום ברעג — און ווען זיי שלאָגן זיך אָן, אָן אים — לויפן זיי צוריק אין ים אריין, איבערלאָזנדיק אַ ווייסן שוים. דער געדאַנק איז זיך צעשווומען אין געדיכטן נעפל פון טאַבאַק־רויך, וואָס איז געהאָנגען איבערן „פּאַב״. אין זיין מוח האָט זיך באַוויגן דאָס באַלאַנסירנדיק ראָד, וואָס האָט געהאַלטן חשבון פון זיינע טואונגען. צוליב דעם טאַקע האָט ער געפילט, אַז ווען ער וואָלט זיך אפילו איינגעשטעלט ארויסצורייסן פון דער סטעללאַ־רוטין, וואָלט ער ניט געוווסט ווו אויס און ווו איין; מיט וועמען, און ווי אזוי?

— טיפּיש איינער — האָט ער זיך געמוסרט — סטעללאַ איז דאָך די איינציקע פרוי, וואָס דו האָט ווען ניט איז געקאָנט...

ווילי האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז ביר אויסער דער איינגעשטעלטער נאָרמע, וועדליק זיין אויפנאַמספּעאיקייט. דאָס אליין איז שוין געווען אַ שטיקל זינד — עס איז געווען איין גלאָז צו פיל.

— — — — נאָך דעם טרונק איז די כוואַליע ווידער צוריקגעקומען צום ברעג, און מיט איר דער „פּאַב״ אויף בערק־סטריט. עס איז געווען אין מיטן פון דער מלחמה. ביי די מאַשינען האָבן געאַרבעט פרויען. בלויז עטלעכע מענער זענען זיי געווען — פאַכלייט אָנצושטעלן די קאַליבערס אין דער אַמוניציע־פאַבריק; רעגולירן די אויטאָמאַטן; שלייפן די מעסערס. סטעללאַן האָט ער ערשט

מ. אייזענבוד

# דער לעצטער פאַרמעסט...

(דערציילונג)

דער ערגסטער טאָג פון וואָך איז פאַר ווילי סליוואָקין — מאָנטיק. מיט דעם דאַרף מען נישט פאַרשטיין, אַז ווילי האָט עפּעס אַ פּערזענלעכן אומחן געוואָרפן אויפן טאָג — וואָס הייסט מאָנטיק. ער לײדט אפילו ניט פון דער קראַנקהייט, וואָס ניט מעדיצינער רופן אָן: „מאָנדאַיטיס״. הינטער דעם שטייט אפילו ניט אַ פאַרבאָרגן געפיל — וועלכן מ׳קאָן אָנרופן — אַבערגלויבן. מאָנטיק האָט זיך אוסערלעך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון אַנדערע טעג פון דער אַרבעטס־וואָך, וואָס איז געלעגן אין די גרענעצן צווישן מאָנטיק און פרייטיק.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין חשבון קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז עס איז ניטאָ קיין באַגרינדעטע סיבה, פאַרוואָס מאָנטיק מוז זיך מיט עפּעס אויסטיילן פון די אַנדערע וואָכיקע טעג.

און דאָך — ביי זיך גופא האָט ווילי געפילט, אַז ווען מען קאָן דעם מאָנטיק איבערהיפּן וואָלט זיך אפשר אין אים ניט אָנגעקליבן אַזוי פיל אומצופרידנקייט — מיט זיך אַליין. און טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז אין דער ביטערקייט אין אים איז שולדיק דווקא מאָנטיק, האָט ער תמיד צו זיך אַליין געטענהט:

— אָ, ווען נישט מאָנטיק...

יעדן טאָג, ארום אַכט דרייסיק איז ווילי דערשינען אין ביוראָ, געכאַפּט אַ בליק אין דער צייטונג; זיך אַרומגעקוקט, צי די מיטאַרבעטער זיינע האָבן ניט פאַרפעלט צו קומען. כאָטש ער האָט שוין געוווּסט די ספּאָרט־געשעענישן פון די לעצטע טעג, און געהאַט זיין מיינונג וועגן זיי, האָט ער אָבער געפילט פאַר נויטיק צו קאָנפראָנטירן די מיינונג מיט די ספּאָרט־קאָמענטאַטאָרס, כדי נאָכער קאָנען באַווייזן, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנונג וואָס עס קומט פאָר אויפן פוסבאָל־פעלד; אַז זייערע איינדרוקן נעמען זיי פון זיצן און צוקוקן זיך צום „ריפליי״ אויפן טעלעוויזיע; אַז זיי האָבן שוין לאַנג ניט געשפּירט די עלעקטריפיצירטע אַטמאָספער, וואָס הערשט בעתן פאַרמעסט פון די צוויי מאַנשאַפטן.

אייגנטלעך האָט ער דאָס אייגענע געטראַכט וועגן די יוניאָן־טוער.

— ווי לאַנג איז עס שוין, אַז זיי זענען ניט געשטאַנען ביים וואַרשטאַט? אָדער אפילו געזעסן ביי אַ ביוראָטיש און פּרובירט צו לייזן אַ טעכנישן פּראָבלעם? אויסגעוואַשן דעם מעטאַל־שטויב פון די קאַרבן אין די הענט... געוואָרן אַליין ביוראָקראַטן...

אָבער, אַז עמעצער האָט בכלל גענומען ארונטעררייסן די יוניאָן, דאָס האָט שוין ווילי ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

— אייגענע מענטשן מיט וועלכע ער אַרבעט שוין באַלד צוואַנציק יאָר אין דער פירמע „אַרק־וועלד״ זאָלן אויסריידן אַזוינס אויף דער יוניאָן?

און ער דערמאָנט זיי טאַקע אין דער צייט ווען ער אַליין איז געווען אַן אַרבעטער, ניט ווי היינט — אַ „פּען־פּושער״. ווען אפילו לויט זיין שכל איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז אַ קרומע זאַך אָוועקצוּוואַרפן די אַרבעט אָט פונקט דעמאָלט, ווען דער פאַרמען בעט זיך מען זאָל אַרבעטן „אָווערטיים״. פונדעסטוועגן האָט ער, ווילי, אויסגעטאָן דעם לעדערנעם פאַרטוך, צוגעדרייט די אַציטילען־פּלעשער און זיך געשטעלט אין דער ריי, אָפּצושטעמפּלען די קאַרטע.

— ס׳איז וועגן דער גערעכטיקייט...

— אוודאי קומט זיי, די צוציקעס היינט אַלץ לייכט אָן — ווי עפּעס — לויפט מען אין געריכט אַריין, „אַרביטריישן״. און מיר האָבן די באַדינגונגען געמוזט אויסקעמפן דירעקט אין פאַבריק, און שטרייקן; און פּיקעטן פאַרן טויער; מיט מיטינגען...

טאַקע דערפאַר האָט ער געמיינט — זענען די היינטיקע יוניאָן־לייט צופיל געבילדעט; צו ווייך, און האָבן ניט גענוג שטאָל אין די נערוון...

אַרום ניין האָט מען אים געבראַכט די פּאָסט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיין דעפּאַרטמענט.

ער האָט געמאַכט זיינע פאַרצייכענונגען, וועדליק אַ פאַכמאַן אויף וועמענס אָנווייזונגען מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן; אָנגעוויזן אויף פּראָבלעמען אין קאָנטראַקט, וואָס שייך צייט, מאַטעריאַל און קאָסטן־פּראָבלעמען וואָס קאָנען אַנטשטיין אין גאַנג פון דער אַרבעט.

ארום האַלב עלף איז ער געזעסן ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט אויף דער קורצער טאָג־באַראַטונג וועגן לויפנדיקע ענינים פון דער פירמע. פאַרן דירעקטאָר האָט ווילי געהאַט דרך־ארץ. ס׳האָט ניט געהאַט צו טאָן מיטן פאָטעל אויף וועלכן עס זיצט — אַ דירעקטאָר. פשוט — ווילי האָט געהאַט רעספּעקט פאַר די קענטעניש פון דירעקטאָר, וואָס איז געווען אַן אינזשיניער און האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן, אַז ניט אַלע מאַטעמאַטישע באַרעכענונגען פון די פעסטגעשטעלטע פאָרמולן פּאַסן זיך אַריין אין דער דירעקטער אויספירונג פון פּראָיעקט. דעריבער האָט ער זיך טאַקע צוגעהערט צו ווילי׳ס פאַכמענישע באַמערקונגען, דערוואָרבן אין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק. אויף דער באַראַטונג האָט יעדער געקראָגן זיינע דירעקטיוון, און מ׳האָט געטרונקען טיי.

צווישן די מיטאַרבעטער פון זיין אָפּטיילונג האָט ווילי זיך אויסגעטיילט ניט נאָר מיטן סטאַזש, נאָר אויך מיט זיין גלאַט־ראַזירטן פּנים, און די שיטערלעך גרוי־צוגעקעמטע האָר, וועלכע האָבן, קען מען זאָגן, אַביסל פּרעמדלעך און דרויסנדיק זיך אָנגעקערט צו דער מחנה פון לאַנג־האָריקייט און ברייט־בערדלדיקייט, וואָס האָט אים ארומגערינגלט.

— נו, אַ מענטש איז אַזוי אַלט ווי ער איז, און ער געהערט צו זיין צייט — האָט ער זיך יעדעס מאָל געמונטערט, ווען ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז די לאַנג־האָריקייט איז דער ניט־אָפּגערעדטער סימן, אַ מחיצה אַזאַ, מיט וועלכע א דור וויל זיך אָפּטיילן פון די, וועלכע האָבן אים צום לעבן ארויסגערופן. וועדליק זיי איז אויסגעקומען, אַז פאַר אָט דער טובה האָבן זיי שוין לאַנג אָפּגעצאָלט און אצינד ווילן זיי נאָכפאָלגן אַן אייגענע עטיק און לאָזן זייערע אייגענע שפּורן אין דער צייט...

— צי וואָלט ווילי זיך געוואָלט אריינשמוגלען אויף צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינער? — דערויף איז שווער צו ענטפערן. און פרעגן ווילן אַליין איז אוודאי ארויסגעוואָרפן מי. פון וואַנען זאָל ער וויסן?

די יידישע באָבע פון דעם שרייבער זעט זיך נישט זייער קלאָר, ווייל דער זיידע האָט איר פאַרשטעלט. אָבער דאָך רייסט זיך אַדורך אַ קלאָרער שטריך אירער, וואָס ווייזט, אַז זי איז געווען אַ פשוטע יידישע פרוי, וועלכע האָט נישט ווייניק געליטן צוליב דעם זיידנס (איר מאַנס) קאַפּריזן און אויך צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרקאָכט צו ווערן אַ גוי מיט גויים גלייך. אַזוי, למשל, האָט דער זיידע, אַ ייד אַ פאַרעקשנטער קריכער, גע־האַלטן ביים באַקומען אַ טיטול „סער”. אָבער דאָ האָט זיך די באָבע אַנטקעגנגעשטעלט דעם דעספּאָטישן מאַן. און איר מאָטיוו איז געווען אַזאַ היימיש־יידישער (און אפשר האָט זי עס אים געזאָגט טאַקע אויף יידיש): דו ווילסט, אַז מען זאָל לאַכן פון דיר!

דער עפּיזאָד איז געצייכנט אין געציילטע שורות. אָבער עס גיט איבער אַזאַ טיפן יידישן געמיט און יידי־שע אַטמאָספערע, וואָס האָט פאָרט אָנגעהאַלטן אין זיידנס הויז — קעגן זיין ווילן.

אַז די באָבע איז געשטאָרבן, האָט דער זיידע איר געלאָזט קרעמירן, אָן וועלכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, און באַגלייט נאָר פון עטלעכע נאָענטע משפחה־מיטגלידער. דאָס זעלבע ווען דער זיידע איז געשטאָרבן — און זיין אַש האָט ער געהייסן צעשפּרייטן אין ווינט.

עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און דער שרייבער האָט זיך מאָביליזירט. ער האָט געדאַרפט באַקומען אַן אָרט אין דער שפּיאָנאַזש אָפּטיילונג, אָבער אַ חבר האָט אים פאַרטרויט, אַז ער האָט אַ פאַרדאַכט, אַז אין אָט דער אָפּטיילונג נעמט מען נישט אָן אַזעלכע, וועמענס עלטערן עס זענען נישט געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד.

זיין פרוי פירט אַוועק זייערע צוויי קינדער קיין אמע־ריקע (אין צייט פון דער מלחמה), ווייל מען האָט מורא, אַז די היטלעריסטן וועלן זיך אריינברעכן קיין ענגלאַנד. אין אַזאַ פאַל וואָלטן דאָך די קינדער געווען אין גרויס געפאַר — זאָגט די קריסטלעכע מוטער — די קינדער זענען דאָך פערטל יידן.

★

עס איז נישט געווען אין ווילן פון שרייבער אונדז צו ווייזן דאָס וואָס מיר האָבן קלאָר געזען הינטער די גאַרדינען. און ווען מען זאָל דאָס בוך דראַמאַטיזירן, אויפ־פירן עס אויף דער בינע, אין צוויי דימענסיעס, אָדער צוויי סצענעס, ווי מיר האָבן עס אויבן געצייכנט, וואָלט זיך באַקומען די גאַנצע משונהדיקייט און טראַגיק פון אַ מענטשלעך לעבן — פון זיידנס לעבן.

דאָס וואָלט נישט געווען נאָר אַ דראַמע וועגן און קעגן אַסימילאַציע, וואָס דאָס איז דער מחבר געוויס נישט געווען אויסן. עס וואָלט אויך געצייכנט די טראַגישע פי־גור פון איינעם וועלכער וויל פּלאַנירן זיין לעבן, לויט זיין ווילן, און מיינט, אַז ער קען עס טאָן — ווי מיר אַלע מיינען עס אָפּט — און די ווירקלעכקייט קומט אים קאַפּויער, צעשטויבט אַלע ווילנס זיינע, חלומות און פּלענער.

י. מ. לעווין

# מאַנעקינען

אין נעאָן־ליכט פון פענצטער רויטע שמייכלען קלעפּן
אויף פּלאַסטיק ליפּן שטייף צעעפנטע, און אָן זינען;
פאַרביי דעם פענצטער רוישט דאָס לעבן —
וואָס האָט געפאָרעמט דעם אימאַזש פון די מאַנעקינען.

מיט שטייפע טרערן קלאָגט אין קעלט פון דער נאַכט
אין ווינקל די וואָס שפּרייט די מיידל־אָרעמס:
— נישט געטרייסטע ליבע־צער אין מיינע אויגן שמאַכט,
זינט דעם יונגן קינסטלערס טרוים האָט מיך
אויסגעפאָרעמט.

שוועסטער! — ענטפערט איר אַ שטים מיט קנאָה־רייד:
אַ פונק פון גליק האָט דיך אין אַ מזל־שעה באַשאַפן!
אין דיינע אויגן זוכן פרייד פאַרבענקטע יונגעלייט —
און מיט מיינע, האָט נאָך קיינער זיך נישט אָנגעטראָפן.

גאַליק האָט די דריטע שטיל אין זיך געלאַכט:
— הויל בין איך, נאָר נישט ליגנעריש ווי ס׳פענצטער־
גלאָז;
איבער מיר האָבן פּוסטע טרוימען נישט קיין מאַכט, —
דאָס גאַרן אין המונימס בליק איז פּוסטער זייפנבלאָז!

הערט! — זייפנבלאָזן—אייערע טרוימען נישט געשטילטע,
געדענקט, אייביק טרויערט נישט די בענקשאַפט־פּלייט.
מאָרגן וועלן מיר שטיין אין אַנדערשקייט פאַרצירטע,
ווי זיי, די גאַסנלייט, וואָס לעכצן נאָך אַן אומבייט.

לאָזט זיי גאַפּיען! זיי פּרוּוון שטילן די באַגערן,
וואָס ציטערן אין זיי ווי שטערן אין אַ האַרבסט־נאַכט;
שותּפים צו זעלבער גאַרעניש, מיר ווי זיי, געהערן, —
בלויז דאָס פענצטער־גלאָז האָט די אַנדערשקייט
אויסגעטראַכט.

קעס — אין דעם זין. מיט דער גאַנצער עקשנות צו „מאַכן די קינדער פאַר לייט", דערגרייכן אַ קאַריערע, מיט געלט און מיט כבוד, און אַלץ לויטן פּלאַן פון זיידן. און ער אַרבעט אויף דעם מיט אַ פּלאַן, אַ ביסל מיט טרער, א ביסל מיט גלעט און שמייסט, שטופּט ער צו זיין ציל.

✶

דער אייניקל ווערט אַנגענומען אין עישאַן, די שול פאַר ענגלישע אַריסטאָקראַטן, און דער זיידע איז אין זי־בעטן הימל. שפּעטער ווערט דער שרייבער אַנגענומען אין אָקספאָרד — און דער זיידע נייט זיך שוין אַ בייטל, אַז אַט האָדעוועט זיך אויס אַ צווייטער דיזראַעלי. (דאָס איז, נאַטירלעך, זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס דעם זיידנס פאַרבילד איז פּאָרט ביקנספילד, נישט אַן ענגלישער פּרעמיער וועלכער איז אַ קריסט פון געבורט. עס איז אַ יידישע מאָס. און ווער וויס אויב דער זיידע, וועלכער וויל אַזוי שטאַרק פּטור ווערן פון „יידישן הויקער", טראַכט נישט ביי זיך: מיין אייניקל האָט דאָך פּאָרט אַ (האַלבן) יידישן קאָפּ...).

אָבער די אַלע האָפענונגען פון זיידן שווימען אַוועק אויף דעם טעמזע, ווייל דאָס אייניקל וויל נישט לערנען, אין אָקספאָרד, קיין יוריספּרודענץ (געזעץ), ווי דאָס האָט געטאָן דיזראַעלי, נאָר ער לערנט גאָר פילאָסאָפיע — און אַ פילאָסאָף איז נאָך קיין איין מאָל נישט געווען קיין ענגלישער פּרעמיער...

דער זיידע, דווקא אַ מענטש וואָס האָט געלייענט גוטע ליטעראַטור, האָט, ווייזט אויס, נישט געלייענט די ווערק פון דיזראַלי. ווייל אויב ער וואָלט געלייענט וואָלט ער געוווּסט, אַז דער פּרעמיער פון דער קעניגין עליזאַבעט האָט דווקא שטאָלצירט מיט זיין ספרדישן יחוס (ספרדישן, לויט אים). ער האָט אַפילו געטראַכט, געפּלאַנט און געווען זיכער, אַז עס קען, און עס דאַרף, ווידער אויפקומען אַ יידישע מדינה, אין ארץ ישראל.

(אגב: עס איז איצט געוואָרן הונדערט יאָר זינט עס איז פאָרגעקומען דער פעלקער־קאָנגרעס אין בערלין. עס האָבן זיך דאָרטן באַטייליקט בריטאַניע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, רוסלאַנד און טערקיי. דער פּאָרזיצער איז געווען לאָרד ביקענספילד. און לויט דעם היסטאָריקער פון ציוניזם, פּראָפ. נ. געלבער, האָט דיזראַעלי געוואָלט ברענגען פאַר דעם קאָנגרעס אַ פּלאַן צו באַזעצן מאַסן יידן אין ארץ ישראל, מיטן ציל צו שאַפן אַ יידישע מדינה. אָבער יידן אַליין האָבן נישט דערלאָזן צו ברענגען דעם פאָרלייג).

✶

אַיער איז, ווי געזאָגט, נישט געוואָרן קיין לאָיער, און געוויס נישט קיין פּרעמיער, נאָר אַ לערער פון פילאָסאָפיע און אַ שרייבער פון פילסאָפישע ביכער. און — אַז עס איז נישט באַשערט פאַרן זיידן קיין נחת — זענען אַ גרויסער טייל פון דעם שרייבערס חברים געווען יידן, און מיט זייער חברשאַפט שטאָלצירט ער.

בכלל מערקט זיך, דורכן גאַנצן בוך, אַז אים ציט צו יידן, הגם ער זאָגט עס נישט אָפן. ער רעדט כסדר וועגן דער מאַמעס משפּחה, און נישט וועגן טאַטנס, וואָס איז טאַקע אויך געווען אַ קנאַפּער יחוס. ער דערמאָנט מיט צער, דעם אויסראָט פון דער גרויסער פאַמיליע, אָנקעלס, טאַנטעס און זייערע קינדער, אין האָלאַנד, אונטער די נאַציס.

דאָס בוך האָט אויך אַ צאָל בילדער, פון נאָענטער משפּחה און אינטימע חברים. צווישן זיי דאָס בילד פון ישעיה בערלין, וועמען די חברים אין אָקספאָרד האָבן גערופן אַזוי יידישלעך שעיה. און אַ צווייטער מיט וועמענס חברשאַפט דער שרייבער שטאָלצירט איז לאָרד סאָלי צוקערמאַן. ביידע האָבן געמאַכט גרעסערע קאַריערעס פון דעם שרייבער (אפשר ווייל די ביידע האָבן געהאַט גאַנצע יידישע קעפּ...), און מען פילט דעם קנאת סופרים פון דעם שרייבער צו זיי.

דער פילאָסאָף סער ישעיה בערלין איז געוואָרן אַ לעקטאָר אין פּאָליטישער וויסנשאַפט און געמאַכט זיך אַ גרויסן נאָמען, אויך ווי אַן אַנאַליטיקער פון ליטעראַרישע ווערק. צוקערמאַן (אַ געבוירענער אין קייפּטאָון), האָט באַקומען זיין טיטול פאַר זיינע לערעס אין אַנאַטאָמיע און זיינע גרויסע לייסטונגען פאַר דער ענגלישער אַרמיי.

אַיער דערציילט אַזאַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד. איין מאָל איז ער און סאָלי צוקערמאַן געווען צו גאַסט ביים באַרימטן פילאָסאָף לאָרד בערטראַנד ראָסעל. וויבאַלד ראָסעל איז געווען באַקאַנט מיט זיינע ליבעראַלע פּירונגען, האָט צוקערמאַן אים כסדר גערופן ביים נאָמען, אָן דעם טיטול. אָבער דאָס איז דעם פילאָסאָף נישט געפעלן און ער האָט געזאָגט צו זיין גאַסט: איך בין לאָרד ראָסעל, אַט אַזוי ווי די ביסט נישט לאָרד צוקערמאַן. אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן זיך די טיטולן אויסגעגליכט — און נאָך בעסער פאַר צוקערמאַן; אים האָט מען געגעבן די לאָרדשאַפט אין זיין אייגענעם זכות, צוליב זיינע אייגענע פאַרדינסטן פאַר ענגלאַנד, אָבער ראָסעלס טיטול איז געווען אַ ירושהדיקער.

אַיער שטאָלצירט אויך מיט דער חברשאַפט וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט לאָרד גי ראָטשילד, אין וועמענס הויז אין פּאַריז, ער איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער פאַרפעלט דערביי אויך נישט צו דערציילן, אַז לאָרד ראָטשילד האָט קיין מאָל נישט אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט און די נאַציאָנאַלע פאַרבונדנקייט מיט יידן. איז דאָס אַ שטאָך קעגן זיידן? אָדער אַ באַדויערונג וועגן זיך? און ווי וואָלט דער דער זיידע רעאַגירט וועגן אַט די פריינדשאַפט פון אייניקל, וועלכער איז טאַקע דערגאַנגען צו דער הויכער געזעלשאַפט — אָבער דווקא, דאָס רוב, צווישן יידן! מעגלעך, אַז דער שרייבער האָט אַליין גאָר נישט געפילט, וואָס ער האָט אונדז דערציילט אין אַט די קליינע עפּיזאָדן, וועלכע זענען ביי אים אפשר אַרויסגעקומען, פרוידיאַניש, אונטערבאַוווּסטזיניק. (דאָס קען געשען אויך ביי אַ פילאָסאָף).

✶

לוי שאַליט

# אייניקל קריסט וועגן ייִדישן זיידן

דער שרייבער איז אַ סער און פילאָסאָפיע איז זיין באַרוף. דאָס בוך דערציילט אַ טייל פון זיין לעבן, און אַזוי טאַקע הייסט דאָס בוך*).

עס איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט צו לייענען מעמואַרן, ווען אַ מענטש דערציילט וועגן זיין אייגן לעבן — אויב, נאַטירלעך, דער מענטש איז אַן אינטערעסאַנטער, אויב זיין, (אָדער איר) לעבן האָט געהאַט וויכטיקע אָדער פאַסצינירנדיקע געשעענישן — און דער שרייבער קען דערציילן וועגן דעם.

★

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך געהאַט אַ שטאַרקע תשוקה אַריינצוקוקן הינטער אראָפּגעלאָזענע גאַרדינען פון ליכטיקע פענסטער. עס האָט זיך געוואָלט וויסן, צי דאָס וואָס די פאַנטאַזיע מאָלט מיר אויס, אַז עס געשעט אין דעם הויז — און די פאַנטאַזיע איז אַלע מאָל געווען וואַך און שאַרף — געשעט טאַקע דאָרטן אין דער ווירקלעכקייט; אָדער דאָס זאַנפטע ליכט, די מוזיק וואָס דערטראָגט זיך פון די אָפענע פענסטער, נאַרט אָפּ און אין דער ווירקלעכקייט געשעט עפּעס גאָר אַנדערש הינטער דער פאַסאַדע.

איך בין זיך מודה, דאָס איז געווען אַ נישט שיינע געוווינהייט. אָבער אפשר קען מען עס פאַרענטפערן און מוחל זיין אויפן גרונט פון דער גרייטונג צו ווערן אַ שרייבער. און אַ שרייבער דאַרף קענען אַריינקוקן הינטער די דעקאָראַציעס פון מענטשלעכע טואונגען.

היינט, ווען איך האָבן זיך שוין לאַנג באַפרייט פון אָט דער נישט שיינער געוווינהייט, טראַכט איך נאָך אַלץ, אַז „אימיצער” וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן אַזאַ דראַמע, אָדער קאָמעדיע: די בינע איז צעטיילט אין צוויי טיילן. אויף דעם העכערן טייל פון דער סצענע איז אַ הויז, ווו עס לעבט אַ פאָטער, אַ מוטער און זייערע צוויי דערוואַקסענע קינדער. אָוונט. די פאַמיליע איז ארום טיש. אויף דעם אונטערשטן טייל פון דער סצענע זיצט איין מענטשן, לאָמיר אים רופן דער ־נאַראַטאָר. ער דערציילט וואָס עס געשעט אין דעם הויז. אין דעם אייבערשטן טייל פון דער בינע. און דאָס וואָס ער דערציילט איז פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס עס געשעט אין דעם הויז; וואָס דער פובליקום אין טעאַטער מיינט, אַז עס געשעט אין דעם הויז. ווייל אין דער ווירקלעכקייט איז דער נאַראַטאָר גערעכט; עס געשעט טאַקע דאָס וואָס ער דערציילט, נישט וואָס די זיצערס אין טעאַטער זעען.

שווער אָנצושרייבן אַזאַ דראַמע, אָדער קאָמעדיע? שווער עס אויסצושפּילן? קען זיין. אָבער — דאָס איז, אייגנטלעך, די טאָג־טעגלעכע דראַמע, אָדער קאָמעדיע, פון אַ סך מענטשלעכע לעבנס. און אויב דאָס איז שווער אַפילו אויפצופירן, ווי אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, געפינען מיר עס כסדר אין ביכער; באַזונדערס אַזוי אין ביאָגראַפישער ביכער.

★

דער מחבר א. י. אַיער, פאַנגט אָן זיין בוך מיט דערציילן וועגן זיין משפחה־אָפּשטאַם. די באָבע און זיידע, פון דער מוטערס צד, זענען געווען ייִדן. זיי זענען געקומען, ווי יונגע מענטשן, קיין ענגלאַנד, פון האָלאַנד. (אַיער האָט געטראַכט, אַז וויבאַלד זיי קומען פון האָלאַנד, שטאַמט ער אפשר פון ספרדים, פון די אנוסים אין שפּאַניע אָדער פּאָרטוגאַל. אָבער ער דערוויסט זיך — און מען פילט, אַז ער האָט פאַרדרוס פון דעם — אַז די אָנהויבן גייען פון פוילן אָדער גאַליציע).

צוויי ברידער פון דער גרויס־פאַרצוויגטער פאַמיליע, האָבן פאַרלאָזן האָלאַנד, איין ברודער האָט זיך באַזעצט אין פאַריז, געביטן זיין נאָמען, פון לימאַן (אָדער אתרוג), אויף ציטראָן און אויפגעשטעלט דאָרטן די אויטאָ־פאַבריק אונטער דעם נאָמען.

דער צווייטער ברודער, וואָס איז געקומען קיין ענגלאַנד, איז אויך געווען טעטיקט אין דער אויטאָ־אינדוסטריע. די אונטערנעמונג איז באַלד אונטערגעגאַנגען, אָבער ער איז געבליבן מיט געלט און — מיט אַ ברענענדיקן ווילן זיך צו אַסימילירן גרונטיק, אַז עס זאָל פון זיין ייִדישקייט קיין זכר נישט בלייבן. „ייִדישקייט איז אַן אומנויטיקער אַנאַכראָניזם, וואָס ייִדן שלעפּן אַרום מיט זיך איבער לענדער און צייטן. און דאָס אויסטיילן זיך פון דער באַפעלקערונג ווו זיי לעבן ברענגט זיי נאָר ליידן. דאַרף מען פּטור ווערן פון דעם”. נאָר דער זיידע האָלט נישט פון שמד, ווייל ער האַלט נישט בכלל פון רעליגיע. איז די איינציקע עצה, אַז זיינע צוויי טעכטער זאָלן חתונה האָבן מיט קריסטן. און וויבאַלד ער איז אַ האַרטער ייִד, מיט דעספּאָטישע פירונגען אין דער פאַמיליע, און אַ גביר דערצו, פירט ער אויס וואָס ער וויל. אָבער — נישט אַלץ. דער ווילן זיינער איז נישט נאָר, אַז די טעכטער זאָלן חתונה האָבן מיט נישט ייִדן סתם; ער וויל, אַז די איידימס זאָלן זיין פון דער אַריסטאָקראַטיע, פון דער העכערער ענגלישער געזעלשאַפט — כדי מאַכן אַ וועג פאַר די אייניקלעך, זיי זאָלן קענען גרייכן דעם העכסטן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפט. אַז כאָטש איינער פון זיי זאָל — נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אויף באַשטעלונג — ווערן אַ צווייטער לאָרד ביקענספעלד, דיזראַעלי. און טאַקע פאַר דעם אייניקל, דעם שרייבער פון דער ביאָגראַפיע, באַשטימט דער זיידע די אויפגאַבע.

מיר האָבן דאָ, הייסט עס, אַ ייִדן מיט אַלע פיטשעוו־

* A. J. Ayer, Part of My Life, Collins, London, 1971.

אַלט זייענדיק 25 יאָר, האָט ער געעפנט אַן אייגענע פּראַקטיק אויף 422 קאָלינס סטריט. אין 1888 האָט ער חתונה געהאַט מיט דייסי דזשייקאָבס, אַ טאָכטער פון אַ יידישן פאַבריקאַנט.

זיין וויטערדיקע קאַריערע גייט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. ער איז אָנערקענט אַלס איינער פון די בעסטע אַדוואָקאַטן אין מעלבורן. איז באַשטימט געוואָרן אַלס 'קיו־סי', ער איז אויך געווען אַ גוטער רעדנער און געקענט גוט דעבאַטירן; ער איז געווען פּאָפּולער אין געריכט, מיט זיינע שאַרפזיניקע אַרגומענטן האָט ער אויסגענומען ביי די ריכטער.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אויך אינעם פּאָליטישן לעבן איז ער געווען דערפאָלגרייך; אין 1892 איז ער געוואָרן אויסגעוויילט אינעם וויקטאָריער פּאַרלאַמענט, אַ האַלב יאָר שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס יוסטיץ־מיניסטער פון וויקטאָריע.

אין 1897, אַלט זייענדיק 42 יאָר איז ער איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער אויסטראַלישער רעגירונג צוצוגרייטן אַ פּראָיעקט פאַר אַ פעדעראַלער קאָנסטיטוציע. די היינטיקע קאָנסטיטוציע איז אין אַ גרויסער מאָס זיין אַרבעט.

אייזיק האָט נישט געהאַט קיין גרויסן דראַנג צום פּאָליטישן לעבן, פון וועלכן ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין 1906 און אָנגענומען דעם אַמט אַלס ריכטער פונעם העכסטן געריכט, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן זיין גרויסן טאַלאַנט אין אינטערפּרעטירן די געזעצן פונעם לאַנד.

טראָץ זיינע דערגרייכונגען איז ער געווען אַ גרויסער עניו, פלעגט אָפט פאַרברענגען לאַנגע שעהן אין דעם לייען־זאַל פון דער „פּאַבליק לייבערי" אויף סוואַנסטאָן סטריט. ער פלעגט באַזוכן די טורעק־שול אין ימים טובים, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער טהרה־שטוב פון דער מעלבורנער חברה־קדישא אויף קעניג סטריט, קאַרלטאָן; ער האָט דאַן געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז ער איז שטאָלץ צו זיין אַ ייד, אָבער ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־ציוניסט. ער האָט אָפט געשריבן אַרטיקלען אין דער ענגליש־יידישער צייטונג אין סידנעי און שאַרף אַטאַקירט די ציוניסטן וואָס ווילן אָוועקנעמען פּאַלעסטינע פון דער בריטישער אימפּעריע.

בשעת די טעראָריסטן־אומרוען אין ארץ־ישראל האָט ער אויך געשריבן אין דער ענגלישער טעגלעכער פּרעסע ווו ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס בריטישער פּאַטריאָט.

אייזיק אייזיקס איז געווען פון קליינעם וווקס, ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן רעזערוו פון פיזישער ענערגיע, שלאָפנדיק נישט מער ווי זעקס שעה אין מעת לעת פלעגט ער אויפשטיין זומער און ווינטער 5 פאַרטאָגס, און גיין צופוס שפּאַצירן איבער די ליידיקע מעלבורנער גאַסן.

אין 1928 האָט ער באַקומען דעם ערן־טיטל „סער" פונעם ענגלישן קעניג, ער איז דאַן באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־ריכטער פונעם העכסטן געריכט אין אויסטראַליע. צוויי יאָר שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלע גענעראַל־גובערנאַטאָר.

די דאָזיקע נאָמינאַציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם נישט בלויז אין אויסטראַליע, נאָר אויך אין ענגלאַנד, ווו די דאָרטיקע אַריסטאָקראַטיע און דער קעניג גופא זענען געווען קעגן דער באַשטימונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער דעמאָלטיקער לייבאָר־רעגירונג אין אויסטראַליע.

אייזיקס איז געווען דער ערשטע אויסטראַליש־געבוירענער „גאָווערנאָר דזשענעראַל" און דערצו אַ ייד מיט אַ געהאַלט פון אַ טויזנט פונט אַ יאָר. אַ קאָלאָסאַלע סומע אין יענע צייטן. ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן אין משך פון זעקס יאָר. געוווינט אין קאַנבעראַ צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. ער איז געווען זייער פּאָפּולער ביים פאָלק. ווען ער האָט פאַרלאָזט קאַנבעראַ, איז די גאַנצע שטאָט געקומען זיך מיט אים געזעגענען

דער ענגלישער קעניג האָט אים געשיקט אַ דאַנקבריוו פאַר זיין טרייער און לאָיאַלער דינסט אַלס זיין פאַרטרעטער אין אויסטראַליע. זייענדיק שפּעטער אין לאָנדאָן, איז אייזיקס אויפגענומען געוואָרן דורכן קעניג אויף אַ לענגערער אוידיענץ

נאָך זיין צוריקקער קיין מעלבורן, האָט ער זיך טיילווייז צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און זיך פאַרנומען מיט שרייבן אַרטיקלען אין דער אויסטראַלישער פּרעסע, דער עיקר וועגן פּאַלעסטינע פּראָבלעמען. זיין שטעלונג איז געווען באַקאַנט: אַן אַנטי־ציוניסט און הייסער ענגלישער פּאַטריאָט.

דער 92 יעריקער אייזיקס האָט ביז צו דער לעצטער מינוט אַליין געשריבן זיינע אַרטיקלען אויף אַ שרייבמאַשין אין זיין פלעט און סאַוט־יאַראַ, ווו ער איז אין פעברואַר 1948 געשטאָרבן.

אויף זיין לוויה אין טורעק סינאַגאָגע האָבן זיך פאַרזאַמלט דער פּרעמיער־מיניסטער, דער מיניסטאָרן־קאַבינעט, פאַרשטייער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען: דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס; פאַרשטייער פון דער אַרמיי. דעם הספד האָט געהאַלטן ראַביי דענגלאַוו און דער פּרעמיער־מיניסטער.

דער גאַנצער וועג פון לוויה־צוג פון סט. קילדאַ ראָוד, סוואַנסטאָן סטריט ביז צום קאַרלטאָנער בית־עולם איז געווען אָנגעפּילט מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד, אַ געטרייען זון פון אויסטראַלישן פאָלק. ער איז געווען אַן אמתער אויסטראַליער, וועלכער איז דורך אַ צופאַל געבוירן געוואָרן אַ ייד.

זיין פאַמיליע: די פרוי בעלאַ און דער 19־יעריקער זון איגאַר, האָבן שוין דריי מאָל אָנגעגעבן ביטעס וועגן אַן אַרויספאָר דערלויבעניש און יעדעס מאָל באַקומען זיי אַן אָפּזאָג. דער קרעמל איז ביי דער מיינונג, אַז אַ פאַמיליע פון אַ „פאַרעטער" האָט נאָר איין וועג — אָפּזאָגן זיך פון זייער מאַן און פאָטער, פולשטענדיק איבעררייסן מיט אים. קאָרשנוי טוט אַלץ, אַז זיין משפחה זאָל יאָ באַקומען די דערלויבעניש ארויסצופאָרן: ער שרייבט בריוו צו ברעזשניעוון; ער רעדט אויף פרעסע־קאָנפערענצן. ביי יעדער געלעגנהייט פאָדערט ער, אַז דער קרעמל זאָל די פאַמיליע געבן אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש.

אַ גרויסע פרעסע־קאָנפערענץ האָט קאָרטשנוי צונויפגערופן אין באַגויאָ, ווו ס'קומען פאָר די שאַך־שפילן. אויף דער פרעסע־קאָנפערענץ האָט דער סאָוויעטישער גענעראַל באַטורינסקי, וועלכער איז דער לייטער פון דער סאָוויעטישער עקיפּע — געענטפערט, אַז די פראַגע פון פאַראייניקן דער פאַמיליע — געהערט נישט צו די קאָמפּעטענצן פון דער סאָוויעטישער שאַך־פעדעראַציע.

אין דער צייט פון די שאַך־פאַרמעסטן מיט קאַרפּאָוון, האָט קאָרטשנוי דערהאַלטן די ידיעה, אַז זיין זון איגאָר איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער הויך־שול — מיט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז קינדער פון „פאַרעטער" דאַרפן נישט שטודירן. גלייכצייטיק האָט קאָרטשנויס זון באַקומען אַן אויפפאָדערונג צו שטעלן זיך צום מיליטער־דינסט, אויף דריי יאָר, מיט דער באַמערקונג, אַז ער קאָן פאַרלאָזן דאָס לאַנד נישט פריער, ווי אין פינף יאָר אַרום, נאָכן פאַרעניקן דעם מיליטער־דינסט.

ס'לאָזט זיך גלויבן, אַז דאָס איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי קאָרטשנוי זאָל זיך נישט קאָנען קאָנצענטרירן אויפן שאַך־ברעט.

עס איז כדאי צו באַמערקן זינט די פערסיער האָבן דערפונדן דעם שאַך מיט 32 פיגורן, איז עס דאָס ערשטע מאָל, אַז אויפן שאַך־ברעט, געפינען זיך אויך פיגורן פון לעבעדיקע מענטשן.

ש. בענעט

# אייזיק אייזיקס – דער ייד וואָס האָט געשאַפן אויסטראַליעס קאָנסטיטוציע

**(צו דער 30־טער יאָרצייט פון סער אייזיק אייזיקס)**

מערקווירדיק זענען די וועגן פון יידישן זשעני און טאַלאַנט. דירעקט און אומדירעקט האָבן זיי אַ ווירקונג אויפן אַדאַפּטירטן לאַנד, ווו זיי ווערן שפעטער אָנערקענט אַלס אייגענע זין; אַלס אַזעלכע ווערן זיי אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע.

אויך אין אויסטראַליע, דעם יינגסטן קאָנטינענט האָבן יידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פונעם אדאַפּטירטן לאַנד. איינער פון זיי איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמען יידישן שניידער — אייזיק אייזיקס.

אייזיקס לעבנס־געשיכטע איז ווי אַרויסגענומען פון אַ שפּאַנענדן ראָמאַן, אין זיינע עלטערן יאָרן, ווען ער דאַרף שוין גיין אויף עמעריטור, הויבט זיך פאַקטיש אָן סער אייזיקס קאַריערע, וועלכע האָט אים צוגעבראַכט צום העכסטן שטאַפּל — צום אַמט פון גענעראַל גובערנאַטאָר פון אויסטראַליע.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1855 אין לאַנדסדייל סטריט, אין מעלבורן, אין דער וווינונג הינטער זיין פאָטערס שניידער־וואַרשטאַט. זיינע עלטערן אַלפרעד און רבקה זענען געווען אָרעמע עמיגראַנטן פון ווייטשעפּל, לאָנדאָן. שוין אַלס קליין יינגל האָט אייזיקס ארויסגעוויזן טאַלאַנט און אַמביציע אויף אַלע געביטן.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע מעמואַרן דערמאָנט ער מיט ליבשאַפט זיין מוטער רבקה, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג אין לעבן.

אין זיין ביאָגראַפיע איז פאַראַן אַ לאַנגער צעטל פון אַמטן וועלכע ער האָט פאַרנומען. צום ערשטן אַלס לערער, דאַן אַדוואָקאַט, פּאָליטיקער, פעדעראַלער מיניסטער, שעפער פון דער אויסטראַלישער קאָנסטיטוציע, דעפּוטאַט פונעם ערשטן פעדעראלן פאַרלאַמענט, הויפּט־ריכטער פונעם העכסטן געריכט ביז צו דער העכסטער קאַריערע — וויצע־קעניג פון אויסטראַליע.

ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, זענען זיינע עלטערן אַוועק פון מעלבורן און זיך באַזעצט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט. דער פאַרוואַלטער פון דער אָרטיקער מלוכה־שול האָט דערזען די פעאיקייטן פונעם יונגן אייזיקס און געראַטן זיינע עלטערן אים צו געבן העכערע בילדונג.

דער יונגער אייזיקס פאָרט דאַן צוריק קיין מעלבורן, ווו ער שאַפט זיך אַ פּאָסטן אַלס באַאַמטער אין אַ מעלבורנער געריכט. ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט, שטודירט ער אויפן מעלבורנער אוניווערסיטעט. ער פלעגט זיך אויפהויבן 4 פאַרטאָג צו לערנען יורי און סטענאָגראַפיע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער באַליגט דעם עקזאַמין אַלס באַריסטער און סאָליסיטאָר.

שפראַך איבער די דיאַלעקטן — דער יידיש וואָס געהערט אונדז אַלעמען, וואָס איז אונדזער ירושה און אונדזער נחלה, און וואָס מיר דאַרפן אָפהיטן אין איר ציכטיקייט און פאָלקישקייט פאַר דער צוקונפט.

אַ שפראַך פאַרשווינדט נישט פלוצלונג, מיטאַמאָל, און ס'איז נישט קיין פוסטע אילוזיע אָדער אַ נאַיווער ווּנטש, אַז יידיש וועט געדויערן, אַז סיי אין די תפוצות און סיי אין מדינת ישראל וועט אַ מינדערהייט באַשטיין אויף דעם, אַז אָן יידיש וועט עפּעס פעלן אין אונדזער נאַציאָנאַלער און גייסטיקער עקזיסטענץ, אַז אָן יידיש וועט זיין אַ גוואַלדריס אין אונדזער המשכדיקייט, אַז ס'איז נישט מעגלעך איבערהיפן אַן עפּאָכע — און נאָך אַזאַ ווי די תקופה־אשכנז — און נישט באַגיין דערמיט אַן עוולה קעגן די יינגערע דורות. יודל מאַקס „גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל־שפראַך” איז אַ ראיה פאַרוואָס מען טאָר נישט באַגיין אָט־די עוולה. די גראַמאַטיק דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידיש־יידישער היים, אפילו ווען די זין און טעכטער זענען נישט בקי אין יידיש, ווי אַ דערמאָנונג, אַז יידישע ווערטער זענען יידישע ווערטן, אַז אין יידישע ווערטער איז דאָ דער צער און די פריד פון זייערע זיידעס און באָבעס.

---

וו. יאַבלאָנסקי

# שאַך און פאָליטיק

דער אַרטיקל פון פרי יאַבלאָנסקי איז אָנגעשריבן געוואָרן, ווען דער שאַך־טורניר איז געווען אין פולן גאַנג.

הגם דער טורניר איז פאַרענדיקט, און קאַרפאָוו האָט איינגעהאַלטן דעם טיטל פון וועלט־מייסטער, מיינען מיר אָבער, אַז די הינטערקוליסן פון דעם פאַרמעסט, זענען נאָך אַלץ אַקטועל.

די רעדאַקציע.

נישט ווייט פון דער פיליפינישער הויפט־שטאָט מאַנילאַ ליגט דאָס קליינעם שטעטעלע באַגויאַ, ווו ס'קומען פאָר די שאַך וועלט־פאַרמעסטן 1978.

די שאַך־שפּילן קומען פאָר דריי מאָל אין דער וואָך, מיט טויזנטער צושויער און קאָרעספּאָנדענטן פון דער גאַנצער וועלט. די הויפט־אַקטיאָרן זענען: קאַרפאָוו און קאָרטשנוי.ביידע שטאַמען פון סאָוויעט־רוסלאַנד. קאַרפאָוו רעפּרעזענטירט סאָוויעט־רוסלאַנד, קאָרטשנוי — זיך אַליין. די וועלט־מייסטערשאַפטן אין שאַך האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 17טן יולי 1978. אין באַגויאַ קעמפן צוויי שאַך־ריזן: וועגן טיטל וועלט־מייסטער; וועגן 300 הונדערט טויזנט דאָלאַר, און וועגן מענטשלעכע לעבנס.

אַנאַטאָל קאַרפאָוו איז אַלט 28 יאָר, כאָטש ער איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג, האָט ער שוין אָנטייל גענומען אין פיל אינטערנאַציאָנאַלע טורנעען.

די פאַרטיי האָט אים צוגעטיילט דעם כבוד צו ווערן אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „קאָמסאָמאָל”. ווי מיר זעען, איז ער אויך אַקטיוו אין פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיינע נאָנטע באַצייכענען אים אַלס אַ מענטש אָן אַ געוויסן. קאַרפאָוו איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אונטערגעשריבן אין יאָר 1976 אַ פּעטיציע צו פאַרווערן אַ גרויסן שאַך־שפּילער, וועלכער שטאַמט אויך פון סאָוויעט־רוסלאַנד אָנטיילצונעמען אין אינטערנאַציאָנאַלע טורנעען, ווי אויך אין די וועלט־מייסטערשאַפטן. אין דער פּעטיציע ווערט געשריבן, אַז וויקטאָר קאָרטשנוי איז אַ האָמאָסעקסואַליסט און אַ קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים, דער „פאַרעטער” דאַרף נישט האָבן דאָס רעכט צו שפּילן אויף עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען.

אויף דער סאָוויעטישער פּעטיציע, מיט אונטערשריפטן פון באַרימטע שאַך־שפּילער — פון לענדער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג, האָט קיין איין שאַך־פעדעראַציע אין דער פרייער וועלט נישט געלייגט קיין אַכט. די אַלע געמיינע פאַשקווילן האָבן גאָרנישט געהאָלפן, און היינט שפּילן זיי וועגן טיטל: וועלט־מייסטער.

נאָך איין כאַראַקטעריסטישער מאָמענט — ווען די צוויי אויבן דערמאָנטע שאַכיסטן האָבן געשפּילט צווישן זיך, וועגן דאָס רעכט, ווער ס'זאָל רעפּרעזענטירן סאָוויעט־רוסלאַנד אין די וועלט־מייסטערשאַפטן מיטן אַמעריקאַנער פישער, האָט די סאָוויעטישע שאַך־פעדעראַציע מיט פאַרשידענע טריקן און שיקאַנעס געטאָן אַלץ, אַז וויקטאָר קאָרטשנוי זאָל פאַרשפּילן צו קאַרפאָוון. דער אַמעריקאַנער שאַך־מייסטער פישער, וועלכער האָט געווּסט פון דעם שאַנטאַזש קעגן קאָרטשנויען, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן מיט קאַרפאָוון. די סאָוויעטן האָבן דאַן ווידער אַרויסגעשלעפּט די פּעטיציע קעגן קאָרטשנויען, און דורך פאַרשידענע וועגן געפּרוּווט צו דיסקרעדיטירן אים. די אַלע אינטריגעס האָבן געצווּנגען קאָרטשנויען אָנצוהויבן אַ קעגן־אַקציע און דערקלערן „אַ קריג” סאָוויעט־רוסלאַנד, און קאַרפאָוון.

אין יאָר 1976 איז קאָרטשנוי פאַרבעטן געוואָרן קיין אַמסטערדאַם, אָנטיילצונעמען אין די פאַרמעסטן פון האָלאַנד. נאָך טורנעי האָט קאָרטשנוי זיך אָפּגעזאָגט צוריקפאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

וויקטאָר קאָרטשנוי שטאַמט פון אַן אינטעליגענטער יידישער פאַמיליע, און איז 20 יאָר עלטער ווי קאַרפאָוו. ער איז אויך געווען הויפט־רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „64” — דער אָרגאַן פון דער סאָוויעטישער שאַך־פעדעראַציע. קאָרטשנוי האָט געשפּילט אין 90 טורנעען, אין 4 אָלימפּיאַדעס, ער ווערט באַצייכנט אין די אינטערנאַציאָנאַלע שאַך־קרייזן, אַלס געניאַלער שאַכיסט.

הרב סאָלאָווייטשיק האָט ערגעץ־וווּ געזאָגט, אַז נישט בלויז די ספר־תורה איז הייליק, נאָר אויך דאָס מענטעלע וואָס פאַרדעקט זי איז אָנגעהויכט מיט איר קדושה. מען קען דאָס אָנווענדן אויף יידיש: נישט נאָר איז די שפּראַך פון פאָלק הייליק — ס'איז דאָך דער ברונעם וואָס איז פול מיט זיינע אָנגעזאַמלטע ווערטן — נאָר הייליק איז אויך איר גראַמאַטיק, וואָס שילדערט די „לאָגיק", די סטרוקטור פון דער שפּראַך, די „גאָלדענע קייט" פון ווערטער און זאַצן, וואָס אין זייער צוזאַמענדיקייט זענען זיי די שפּראַך, די אויטאָביאָגראַפיע פון אַ פאָלק.

— II —

עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן אַזעלכע וואָס פרעגן צי יידיש פאַרמאָגט טאַקע אַ גראַמאַטיק. ס'איז נאַריש און חוצפּהדיק. ווי קאָן גאָר געמאָלט זיין, אַז אַ שפּראַך אויף וועלער עס האָבן געשאַפן אונדזערע קלאַסיקערס, און נאָך זיי, אַ מחנה קינסטלערישע פּראָזאַיקערס און פּאָעטן, זאָל ביי עמעצן זיין אַ ספק צי זי פאַרמאָגט אַ גראַמאַטיק. און אפילו, אַז עס זאָל נישט זיין קיין פאָרמעלע גראַמאַטיק, צווישן די טאָוולען פון אַ בוך, איז מה־רעש? יודל מאַרק דערקלערט עס פשוט, אָט־אַזוי: „ווי באַלד מען מוז זאָגן אויף יידיש איך גיי און דו גייסט — איז עס אַ באַוויז, אַז יידיש האָט אַ גראַמאַטיק.

די גראַמאַטיק פון אַ שפּראַך וועבט זיך און קריסטאַליזירט זיך אויף די צינגער און ליפּן פון מענטשן וואָס רעדן אויף איר, וואָס לאַכן און וויינען אויף איר, און די פאָרמעלע גראַמאַטיק סדר'ט זיך אויס און אָרקעסטרירט די עלעמענטן פון דער שפּראַך, בויט אויף איר סטרוקטור. שפּראַך אַנטוויקלט זיך בהדרגה'דיק, אפילו „סטיכיש" און פּסיכאָלאָגיש, אין איינקלאַנג מיט די איבערלעבענישן, יחידישע און סאָציאַלע, אין הסכם מיט די באַגריפן און ווערטן, וואָס קומען אויף ביים פאָלק, אין די ווערטער פון דער שפּראַך זענען דאָ די ווערטן פון דעם פאָלק; און באַזונדערס אין די אידיאָמען איז די אייגנאַרטיקייט פון פאָלק, אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין גייסטיקן מהות, פון זיין וואָך און פון זיין שבת.

ס'איז אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן דער לאָגיק פון שפּראַך, וואָס איז קאָנקרעט און וואָרצלט זיך אין אונדזער אוממיטלבאַרער עקסיסטענץ, און דער לאָגיק פון וויסנשאַפט וואָס איז אַבסטראַקט און איז באַזירט אויף אָביעקטיווע און פאָרמעלע פּרינציפּן. דער געניטער גראַמאַטיקער באַנוצט זיך מיט דער לאָגיק פון וויסנשאַפט אויף צו אָריענטירן זיך אין דער לאָגיק פון שפּראַך. אָט־די אויפגאַבע האָט יודל מאַרק פאַר זיך אָנגעצייכנט אין זיין גראַמאַטיק, און דאָס איז אויך געווען באַשיימפּערלעך אין זיין פריערדיקער גראַמאַטיק אין 1921, און אין דער גראַמאַטיק פון זלמן רייזען, אַ. זאַרעצקי, ע. פאַלקאָוויטש, נחום שטיף („יידישע סטיליסטיק").

אין אָט־דעם פּראָצעס פון אַרויסוויקלען די לאָגיק פון שפּראַך מיט די אינסטרומענטן פון דער לאָגיק פון וויסנשאַפט, מוז דער גראַמאַטיקער זיין באַשיידן, און נישט באַלעבאַטעווען איבערן לשון פון פאָלק. יודל מאַרק רעזומירט עס אָט אַזוי: „דער גראַמאַטיקער איז נישט קיין געזעצגעבער... ער איז דער אַרויסהעלפער, מע מעג אַפילו זאָגן דער דינער פון זיין לשון... ער טאָר אָבער אין קיין שום סיטואַציעס נישט ווערן אַ רעוואָלוציאָנערער איבערמאַכער פון שפּראַכיקע פאָרעמס. קיינער האָט (אים) נישט געגעבן אַזעלכע פולמאַכטן".

מען דאַרף דערפון נישט דרינגען, אַז דער גראַמאַטיקער איז אין דער בחינה פון אַ קנעכט: ניין, ער האָט אויך אַן אַקטיווע, אַ נאָרמאַטיווע ראָלע. דאָס פאָלק איז טאַקע דער בעל־דעה, אָבער נישט איטלעכער האָט אַן אויער פאַרן ריטעם פון דער שפּראַך, אַן אויג פאַר איר בילדלעכקייט, און פאַראַן אַזעלכע וואָס ס'איז נישטאָ ביי זיי דאָס געפיל פון אַכטונג פארן לשון פון פאָלק, און ס'איז נייטיק, אַז דער גראַמאַטיקער זאָל אָנווייזן אויפן ווילדגראָז וואָס איז אָנגעוואַקסן אין דעם גאָרטן פון דער שפּראַך. און עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן שפּראַך, מחמת לשון וואָס איז אין אומאָרדענונג, אָן טאָלק און אָן סטיל, איז עס אַ סימן, אַז די מחשבה אָדער שטימונג, וואָס דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין לשון, איז מטושטש, פאַרפּלאָנטערט און טונקל.

יודל מאַרקס גראַמאַטיק איז נישט די ערשטע יידישע גראַמאַטיק, אָבער דער נוסח איז אַן אַנדערער. ס'איז נישט קיין לערנבוך פאַר עלעמענטאַרע קלאַסן, פאַר אַזעלכע וואָס זייער באַהאַוונטקייט אין יידיש איז אַ קנאַפּע. עס איז אויסגערעכנט אויף אַזעלכע וואָס ווילן משלים זיין זייערע קענטענישן אין יידיש. ער אַליין האָט געמיינט, אַז „עס איז אַ לערנבוך פאַר אַ הויכן אוניווערסיטעטישן קורס און אַ האַנטבוך פאַר יעדערן וואָס וויל זיך אַליין נאָכקאָנטראָלירן".

ס'איז דאָס — און ס'איז אויך מער. פאַראַן אין דעם ווערק א שפע געדאַנקען, טרעפלעכע און אינטערעסאַנטע, וועגן דעם עצם פון גראַמאַטיק, וועגן דעם וואָס גראַמאַטיק איז אַזוינס.

דאָס בוך הייסט „גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל־שפּראַך", און ס'איז דער שליסל צום ווערק. יודל מאַרק פאַרטייטשט עס אָט־אַזוי: „זייער קאָמפּליצירט איז די גאַנצע פּראָבלעם כלל־שפּראַך אין יידיש... כלל־שפּראַך איז דאָס בשותּפישע און פאַראייניקנדיקע איבער די דיאַלעקטן... כלל־שפּראַך איז אומעטום אַ קאָנסערווירנדיקער כוח, על אחת כמה וכמה ביי אונדז... די יידישע כלל־שפּראַך — דאָס איז אונדזער וועלט־יידיש".

ס'איז איצט אַ צייט פאַר איינזאַמלונג און פאַר חשבון־הנפש. פאַרן חורבן זענען געווען צענטערס פון יידיש, און פון יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע און אין צפון־אַמעריקע, און קלענערע, אין מערב־אייראָפּע און אין דרום־אַמעריקע. אין דער ליטעראַטור איז שוין דעמאָלט געווען יידיש ווי אַ כלל־שפּראַך: די זעלביקע אומעטום, מיט די ניואַנסן פון דיאַלעקטן, ווי חן־גריבעלעך, וואָס גיבן צו אַ מילדע שפּילעוודיקייט און שיינקייט צום פּנים. וואָס עס זאָל נישט זיין דער מאָרגן פון יידיש, איז עס אי אַ פאַקט און אי אַ טרייסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ כלל־

# אַ געווינס פאַר יידיש

דר. עזריאל נאַקס

יודל מאַרק. „גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל־שפּראַך״. — אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1978־תשל״ח (מיט דער הילף פון תנחום בריים, אַטראַן־פונדאַציע, אַנדענק־פונדאַציע).

— I —

יודל מאַרק האָט פאַרענדיקט זיין גראַמאַטיק ממש עטלעכע טעג פאַרן טויט. ער האָט עס באַטראַכט ווי זיין קרוין־ווערק. ס'איז גוט וואָס די מי זיינע, און דאָס אומגעהייערע וויסן, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דער גראַמאַטיק, זענען נישט געווען אומזיסט. יודל מאַרק איז מער נישטאָ, אָבער דער חלום זיינער איז מקוים געוואָרן, און די גראַמאַטיק איז איצט דערשינען. אין דער הקדמה, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן קראַנקערהייט אָנצושרייבן, דערציילט ער אונדז: „אין אויגוסט 1921 האָב איך פאַרדיקט דעם מאַנוסקריפּט פון שול־גראַמאַטיק... און זינט דעמאָלט נישט אויפגעהערט זיך גרייטן צו דער איצטיקער גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל־שפּראַך... דאָס ווערק איז אַ קיצור פון די אַלע רעזולטאַטן פון פאָרשן און שטודירן אויפן שטח פון גראַמאַטיק אין די איבער פופציק יאָר״.

יודל מאַרקס לעבן איז געווען רייך און פּרוכטיק אויף עטלעכע געביטן, און ער איז תמיד געווען אַ מאַן פון ערנסטער און אָריגינעלער מחשבה. אָבער אָט־די גראַמאַטיק איז געווען אַ הויפּט־ציל ביי אים, נישט קיין צופעליקע זאַך אויף דעם ראַנד פון זיין עקסיסטענץ, און ער האָט זיך געווידמעט צו דעם מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט. מיר דאַכט זיך, אַז דער לייענער וועט דערשפּירן אָט־די וואַרעמקייט אַפילו ביי די „טרוקנסטע״ ענינים, אַ פּשיטא שוין ווען ער רעדט וועגן יידיש ווי די שפּראַך פון אונדזער פאָלק, ווי די שפּראַך, וואָס אַנטפּלעקט די קאָלעקטיווע פּסיכיק פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין די טויזנט יאָר פון דער תקופה־אשכנז. איך בין זיכער, אַז ביי געוויסע שטעלן וועט ביים לייענער אַ פינקל טאָן אַ טרער אין אויג, מחמת ער וועט זיך דערמאָנען, אַז יידיש האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם צער און די פרייד פון אונדזערע זיידעס און באָבעס, אַז ס'איז געווען אַ גאַנצע ציוויליזאַציע, אַ סכום ווערטן, אַז ס'איז געווען די איינציקע שפּראַך אין אונדזער געשיכטע וואָס דער נאָמען אירער איז דער נאָמען פון אונדזער פאָלק (יידן: יידיש, אַ ייד רעדט יידיש).

יודל מאַרקס ווערק פאַרמאָגט סענטימענט, אָבער ס'איז נישט סענטימענטאַל, און ס'איז אוודאי נישט „אַגיטאַציע״. ס'איז דאָס ווערק פון אַן ערלעכן געלערנטן, מיט אינטעלעקטועלער דיסציפּלין, מיט מעטאָדאָלאָגישער עקזאַקטקייט. ס'איז נישט געווען קיין סתירה ביי אים צווישן דעם אַקאַדעמיקער, מיט דרך־ארץ פאַר די אָביעקטיווע פאַקטן, פאַרן אמת, און דעם ייד, מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט פאַרן לשון פון פאָלק. ווי אַנדערש וואָלט מעגלעך געווען פאַר איינעם, וואָס האָט בייגעווינט — ווי מיר אַלע — דעם גרויליקן חורבן, ווי דער פינצטערער שונא האָט דורכגעפירט אַן אַטענטאַט איבער אונדזערע שוועסטער און ברידער און ממילא איבער זייער לשון — ווי וואָלט מעגלעך געווען, ווי וואָלט ער געפונען דעם מוט, ווען נישט אָט־די איבערגעגעבנקייט, צו עסק'ן זיך מיט יידישער גראַמאַטיק, מיט אַ יידישן ווערטערבוך? די ליבשאַפט האָט נישט דערטרונקען זיין אינטעלעקטועלע דיסציפּלין, האָט נישט אָפּגעשוואַכט זיין מעטאָדאָלאָגישע פּרעציזקייט, נאָר האָט זיי באַקרעפטיקט, האָט זיי געגעבן פליגלען.

די גראַמאַטיק זיינע איז אַן אַקט פון מוט און ס'איז אויך אַן אַקט פון גלויבן. דער מצב פון יידיש איז היינט נישט קיין גינסטיקער. וועגן מזרח־אייראָפּע איז דאָך נישט שייך: ס'איז פאַר אונדז אַ לאַנדשאַפט פון טויט, ווי יעדעס שטעטל איז אַ וויסטער בית־עולם. און אין אַמעריקע, אין אַן אַטמאָספער פון פרייהייט און חשיבות, — דקווא דאָ האָבן הונדערטער־טויזנטער יידן מפקיר געווען דאָס לשון פון זייערע עלטערן און בכן דאָס לשון פון היסטאָרישע המשכדיקייט, און האָבן עס געטאָן מיט אַן אויסטערלישער גרינגקייט, אָן דעם מינדסטן עגמת־נפש. און דערביי איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אָן אַן אייגענער שפּראַך איז באין אופן נישט מעגלעך צו שאַפן אַן אייגענעם נוסח, אַ שטייגער, אַ ציוויליזאַציע וואָס זאָל נישט איינגעשלונגען ווערן פון דער ברייטער, אַרומיקער סביבה.

אין אַזאַ טראַגישער און גורלדיקער שעה, האָט אַ ייד פון „גלות״, וואָס זיין וועג האָט זיך געצויגן פון ליטע קיין אַמעריקע און דערנאָך קיין מדינת־ישראל, זיך באַשעפטיקט טאָג־און־נאַכט, אין דער הייליקער שטאָט, ירושלים, מיט אַ יידישן ווערטער־בוך און מיט אַ יידישער גראַמאַטיק. ס'איז אַן אַקט פון מוט, פון גלויבן, וואָס גרענעצט זיך מיט קדושה.

יודל מאַרקס גראַמאַטיק, איז נישט אַ בוך צו „פאַרווילן״; פאַראַן טיילן וואָס זענען ווי אַ מעשה פאַרכאַפּנדיק, אָבער ס'איז פאָרט אַ גראַמאַטיק, און פאַראַן טיילן ווו מען דאַרף זיך אָנשטרענגען, ווו מען דאַרף צולייגן קאָפּ. און דאָך איז עס, אין אַ סימבאָלישן זין, אַ ראָמאַן — דער ראָמאַן פון דעם מחברס געטרייקייט און ליבשאַפט צום לשון פון זיין פאָלק, אַ ליבשאַפט וואָס האָט געלויכטן אין זיין געמיט בעת ער איז געווען אין ליטע, אין אַמעריקע, אין מדינת־ישראל — אָט־דאָס וואָס מען האָט יידיש פאַרשאַרט אין אַ זייט, און מען האָט עס פאַרשעמט, האָט גאָר געצונדן זיין ליבשאַפט, וואָס איז געוואָרן העלער און העלער. איטלעכער וואָס וועט זיך צורירן צו דער גראַמאַטיק, וועט אַ פונק פון איר קדושה אויך אים באַשיינען.

קייטן" ווי באַגריסן דעם יידישן שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער צום באַקומען דעם נאָבעל־פּריז פאַר דערהויבן דאָס יידישן וואָרט, די יידישע ליטעראַטור. זיי קענען זיך באַגניגענען — ווי יענע אַלטע יידישע פּרימאַדאָנע, איינוויקלען זיך אין אַ ווייס־בלויען טליתל און זינגען מיט אַ כריפּעדיקן קול די „התקוה"... און מיט דעם לייזן אַלע וויכטיקע אַלגעמיינע און לאָקאַלע יידישע פּראָבלעמען?

צי קענען און דאַרפן די פאַרשטייער פון יידישן סעקטאָר אין מעלבורן, וואָס שטעקן נישט אין דער וועלט פון „אייערנעכטן" ווייטער אָנגיין אין אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דעם מכלומרשטן „ראַט פון יידישע פאַרשטייער אין וויקטאָריע? — שווער צו ענטפערן...

## ביי טאָג אויפן „לינקיסטישן" מאַרק...

אויף דער לעצטער לייבאָר־קאָנפערענץ איז — צווישן פאַרשיידענע רעזאָלוציעס — אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו פאַראורטיילן אַלע רעגירונגען איבער דער גאָרער וועלט, וואָס היטן נישט אָפּ מענטשן־רעכט, ווי פרייהייט פון וואָרט און פרייהייט פון באַוועגונג, וואָס האָט אין זיינער צייט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם, ווען פּרעזידענט קאַרטער האָט דאָס פאַרלאַנגט פון דער סאָוויעטישער מלוכה. די דאָזיקע הומאַניטאַרע רעזאָלוציע — וואָס דאַרף זיין דער געבאָט פון שעה און צייט — אין יעטוועדער פרייער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט — איז דורך דער לייבאָר־קאָנפערענץ מיט נישט קיין גרויסער מערהייט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע — וועלכע איז געוואָרן פאַרוואָסערט — אין פאַראורטיילן די רעגירונגען וואָס צעברעכן מיט כוח די פרייהייט פון וואָרט און פרייהייט פון באַוועגונג.

די זעלבע „לינקע" לייבאָריסטן האָבן זיך אויך באַמיט צו נעמען אין שוץ די ראַדיאָ־סטאַציע „3 סי־אַר", וועלכע פאַריידיקט אונטערן צודעק־מאַנטל „אַנטי־ציוניזם" — פּשוטן אַנטיסעמיטיזם, נישט ערגער ווי די שטרייכערס פון נאַצישן געזעמל און די קיטשקאָס פון סאָוויעטישן חדר.

פּאַראַדאָקס איז אַ מעטאַד וואָס קען ווערן באַנוצט צום גוטן און אויך צום שלעכטן.

דער פּאַראַדאָקס פון די מעשים פון די „לינקע" לייבאָריסטן אין אויסטראַליע און אין וויקטאָריע בפרט, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווילן נאָכמאַלפּעווען די דיאַלעקטישע קאָזשעלקעס פון דעם „סאָציאַליסטישן" סאָוויעטן־לאַנד און פאַרגעסן דערביי, אַז אַזעלכע נאָכמאַלפּערייען האָבן מיטגעמאַכט אַ סך סאָציאַליסטישע און לייבאָריסטישע פּאַרטייען איבער דער גאָרער וועלט און דאָס סתירותדיקע דיאַלעקטעווען „מיטן פּנים צו מזרח" האָט דערפירט די דאָזיקע פּאַרטייען צו קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן.

דאָס אַריינדרינגען פון אַנטי־הומאַניסטישע און טיילווייז אַנטי־יידישע באַצילן אין דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי, קען און וועט ברענגען פאַטאַלע רעזולטאַטן פאַר דער לייבאָר־באַוועגונג בכלל און פאַר דער אויסטראַלישער מדינה בפרט!!!

## צוויי קאַריפייען

אין פאַריקן נומער „מעלבורנער בלעטער" (נר. 15) איז געווען אַ באַגריסונג צו דעם יידישן שרייבער י. באַשעוויס פאַר באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור אין יאָר 1978, וואָס האָט באַדייט אַן אויסצייכענונג פון דער העכסטער מדרגה פאַר דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור.

וויל איך ביי דער געלעגנהייט — אַלס אָנערקענונג און פאַרערונג פון דאָס יידישע וואָרט און יידישע ליטעראַטור — דערמאָנען אַ צווייטן קאַריפיי און ריז פון דער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע און דאָס איז חיים גראַדע, וועלכע די יידישע וועלט פייערט איצט זיין 70 יאָריקן געבוירן־טאָג. (געבוירן אין ווילנע 1908).

מיר קלייבן זיך נישט דאָ צו באַהאַנדלען חיים גראַדעס גאָר גרויסן ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור מיט זיינע פּאָעמעס, דערציילונגען און לידער. מען קען נאָר בלויז אונטערשטרייכן, אַז ער — פּונקט ווי יצחק באַשעוויס־זינגער האָט באַוויזן מיט זיין טאַלאַנטפולקייט, אַז אונדזער „יונגע" ליטעראַטור, אין מאַמע־לשון האָט זיך נישט צו שעמען קעגן אַנדערע „אַלטע" ליטעראַטורן, אַזוי האָט אויך חיים גראַדע, אין זיינע מאָנומענטאַלע ווערק ווי „דער מאַמעס שבתים" און „ר' צמח אטלאס", דערהייבן די יידישע ליטעראַטור צו דער הויכער מדרגה דורך שאַפן אַ קאָמבינאַציע: „מוזיק פון שפּראַך און מוזיק פון געדאַנק". די אוצרות פון שיינקייט פון אַ יידישער מאַמע מיט דעם „נוסח־ווילנע" און „נוסח־קלויזניקעס" זענען די שענסטע פּערל פון דעם אַמאָליקן גרויסן יידישער דור, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן.

אונדזערע בעסטע ברכות צו זיין 70־יאָריקן געבוירן־טאָג און מיר ווינטשן אים, אַז ער זאָל — אין אַ גוטן געזונט — ווייטער באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט נייע צירונג אויפן האַלדז פון דער פּרינצעסין יידיש.

# „מומבאַ" — יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל

אין חודש מערץ איז דאָס ערשטע מאָל אין אויסטראַליע פאָרגעקומען אין די ראַמען פון „מומבאַ" אַ „יידישער מוזיק־פעסטיוואַל.

דערמוטיקט פון גרויסן דערפאָלג (איבער 4 טויזנט באַזוכער) האָט די „קדימה" ווידער גענומען די איניציאַטיוו, אַזאַ פעסטיוואַל איינצואָרדענען. די ערשטע באַראַטונג פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין פעסטיוואַל איז שוין פאָרגעקומען.

דער יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל קומט פאָר זונטיק, דעם 4־טן מערץ 1979.

פאָלק ישראל״. דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנער גייט אזוי ווייט אין זיין אַנאַליזע פון די באַדינגונגען, וואָס מוזן פירן צו אַ היים אין ארץ ישראל, און ער שלאָגט פאָר, אַז ביי יידן מוז צוערשט קומען די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט און ערשט שפּעטער דער סאָציאַלער פאָרשריט; ווייל די יידישע פאָלקס־מאַסע וועט זיך נאָר דאַן באַטייליקן אין דער געשיכטלעכער באַוועגונג פון דער מענטשהייט, ווען זי וועט האָבן אן אייגענע מדינה״.

„רוים און ירושלים״ איז נישט קיין סיסטעמאַטיש ווערק, געשריבן אין דער פאָרם פון צוועלף בריוו אַנטהאַלט דאָס ווערק לויזע געדאַנקען וואָס שפּיגלען אָפּ די לעבנס־פילאָסאָפיע פון אַ גייסטיקן ריז. זיינע פאָרשונגען, אָבסערוואַציעס און דערפאַרונגען אין דער תקופה, זייט ער האָט אַלס יונגער בחור פון 25 יאָר פאַרעפנטלעכט זיין ערשט בוך „די הייליקע געשיכטע דער מענטשהייט״ — זענען געווען אַ בריק צו די געדאַנקען, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין „רוים און ירושלים״.

דער טיטל „רוים און ירושלים״ איז שוין דער באַוויז, אַז ער אידענטיפיצירט די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון די איטאַליענער מיט די אַספּיראַציעס פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק. דער פאָדעם וואָס וועבט זיך דורך זיינע געדאַנקען פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, איז צו אייניקייט פון דער יידישער תורה, דאָס פאָלק ישראל און ארץ ישראל אין דער לאַנגער קייט פון א נאַציאָנאַלער טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו ביז היינט־צו־טאָג.

מיר לעבן היינט אין מאָדנע ציטן. אין דעם אידעאָלאָגישן געראַנגל ווערט צוגעטיילט דער בכבודיקער קאָנצעפּט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, צו פּרימיטיווע שבטים, אפילו אזעלכע, וואָס זייער נאַציאָנאַלע טראַדיציע איז נאָך מיט אַ דור צוריק געווען אַ קאַניבאַליסטישע סעודה. די יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג, שיבת ציון — ווערט באַשמוצט. דווקא היינט וועט דאָס שטודירן און פאַרשפּרייטן די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון משה העס ווירקן, ווי אַן אויפפרישנדיקע דערפאַרונג.

# אַקטואַליען

י. אָרבאַך

## ביינאַכט אויפן אַלטן „באָאַרד״ מאַרק...

איך וויל נישט חס וחלילה פּאַראַפראַזירן מיט אונדזער גרויסן יידישן וואָרט־מייסטער י. ל. פרץ אין זיין דראַמע א. נ. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, ווייל, דאָרטן אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ שרייען על כל פנים די מתים „לאָמיר דערלעבן, וואָס מיר האָבן נישט דערלעבט״. דאָ, „ביינאַכט אויפן אַלטן באָאַרד״... טומלען און ליאַרמען די „לעבעדיקע״ פאָרשטייער פון „באָאַרד״, לאָמיר אָ פּ ט ו י ט ן דאָס וואָס איז לעבעדיק און שפּעריש...

מיר לעבן אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה, צווישן אַ דעמאָקראַטיש פאָלק מיט אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג לויט אַלע געזעלשאַפטלעכע כללים. איז דאָס זייער ווויל און פיין, ווען מען דיסקוטירט ארום ענינים, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט דעם היגן יידישן לעבן, ווען עס קומט אָבער צו רעדן און באַהאַנדלען יידישע ענינים מיט יידישע פּראָבלעמען — דעמאָלט קומען די אַזוי גערופענע פאָרשטייער פון „באָאַרד״ מיט דער לאָזונג פון די אַמאָליקע און היינטיקע סאַטראַפּן — „ניע ראַזרעשאַיו״ און רוף מיך קנאַק־ניסל...

שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: ווו האַלטן מיר מיט אונדזער — אָך און וויי — יידישער רעפּרעזענטאַנץ הנקרא: „וויקטאָריאַן דזשואיש באָאַרד אָף דעפּיוטיס״?

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אַזאַ פראַגע זאָל ארויסקומען, נאָך די לעצטע געשעענישן אין „באָאַרד״, ווו באַקאַנטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, מיטגלידער פון „באָאַרד״ האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט די זיצונג מאָנטיק, דעם 6־טן נאָוועמבער ד. י. צוליב אַ פּשוטן יידיש־מענטשלעכן מאָטיוו:

די מערהייט פון „ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע״ מכל המינים, וועלכע האָבן געהאַט צייט צו רעדן גאַנצע שעהן וועגן נישט מאָראַלישקייט אין אַ כשרות־ענין און נאָך אַנדערע מינדערווערטיקע ענינים, האָבן אין אַ קאַרדינאַלער יידיש־מענטשלעכע פראַגע: צי האָט אַ פאָרשטייער פון „באָאַרד״ — פון וועלכע עס איז ריכטונג — אַ רעכט צו רעדן וועגן פרייהייט פון וואָרט? געפּסקנט מיט כל ערליי דרשות — אַז מען טאָר נישט דערלאָזן צו רעדן וועגן פרייהייט פון וואָרט, באשר בכן, דאָס קען חלילה ברענגען שאָדן דעם „רעליגיעזן״ און „זייאָניסטישן״ אידעאַל?!...

די פּערסאָנאַזשן פון י. ל. פּרץ׳עס אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ האָבן גערעדט ווי לעבעדיקע, נאָרמאַלע מענטשן און מיר האָבן פון די דאָזיקע „מתים״־אויסרופן געמאַכט די געהעריקע יידישע און מענטשלעכע אויספירן. די „באָאַרד״ רעפּרעזענטאַנטן־פּערסאָנאַזשן רעדן אויך נאָרמאַל, אָבער דער אויספיר איז: צביעות מיט אַ קאַלטן אַנטי־יידיש און אַנטי־געזעלשאַפטלעכע דעפיניציע — וואָס מען קען אָנרופן — אָפּטויטן דאָס וואָס איז לעבעדיק און שפּעריש!!!

די פריערדיקע האַנדלונגען, און די לעצטע האַנדלונג פון די „באָאַרד״ פאָרשטייער האָבן פאַר אַ ציל צעטרעטן און צעברעכן אַלץ וואָס איז מיט מי און געטריישאַפט אויפגעבויט געוואָרן דורך די יידיש־רעדנדיקע געזעלשאַפטלעכע טוער פאַר דעם גאַנצן יידישן ישוב אין מעלבורן, זיי — די „אינגליש ספּיקינג״ דעפּוטאַטן אין היגן „באָאַרד״ דאַרפן נישט דעם גאַנצן געפילדער וועגן יידישער שפּראַך און יידישער קולטור, וואָס די פאָרשטייער פון יידישן סעקטאָר אונטערשטרייכן אויף יעדער זיצונג. זיי ווילן זיך נישט באַשעפטיקן מיט אַזעלכע „קלייני־

און צוואַנציק יאָר נאָך דער טרויעריקער געשעעניש... —

לויט משה העס, איז דער טיטל פון דעם גלחס בוך: „די נייע אָריענטאַלע פּראַגע". אין דער אמתן איז דער טיטל אַ לענגערער: „די נייע פראַגע פון אָריענט. דאָס שאַפן פון די אימפּעריעס פון עגיפּטן און אַראַביע. דאָס ווידער אויפשטיין פון דעם יידישן פאָלק".

וואָס איז פון דעם אַלעם צו דרינגען?

גאַנץ פּשוט. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָנגענומען, אַז די אָטאָמאַנישע אימפּעריע וועט זיך פאַנאַנדערפאַלן און פון דער מאַפּע פון דער טערקישער אימפּעריע צייכנט שוין פראַנקרייך אָן נייע מלוכות. — דער פראַנצויזישער קיסר האָט עפנטלעך נישט געקאָנט אַרויסטרעטן מיט אַזאַ פּלאַן, ווייל טערקיי האָט באַווייליקט פראַנקרייך צו באַזעצן סיריע אויף איין יאָר און פראַנקרייך האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט טערקיי צו געווינען די טערקישע קאָנצעסיע פאַרן סועץ-קאַנאַל. — אין אַזעלכע אומשטענדן איז דאָס בוך פון אַ גלח, אַ קריסטלעכער פּרעדיקער געווען, ווי מען רופט דאָס היינט „אַ פּאָליטישער באַלאָן". העס וואָס האָט אַבסערווירט פּאָליטישע דערשיינונגען און אַנטוויקלונגען מיט אויסערגעוויינלעכער חריפות, האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די פראַנצויזישע מאָטיוון. ער רעדט וועגן יידישע מושבים פון סועץ... ביז ירושלים.

אין די באַדינגונגען מוז מען אָננעמען, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן פון „רוים און ירושלים" איז געווען אַ דירעקטער ענטפער פון דעם יידישן פילאָזאָף משה העס צום קסיר. דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער. אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל אין די געמיינזאַמע אינטערעסן פון יידישן פאָלק און פראַנקרייך.

די אַקטואַליטעט פון דער דאָזיקער אַנאַליזע באַשטייט אין דעם: ס'איז נישט אמת, אַז די איניציאַטיוו פון ציוניזם איז געקומען צו דער אידיי פון אַ יידישער מדינה אין ארץ ישראל באַאיינפלוסט פון בלוט-בלבול אין דמשק.

אין דער הינזיכט איז ווערט צו דערמאָנען„ אַז ד"ר נחמן סירקין (אין יאָר 1916) האָט אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן משה העס באַטאָנט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין די צייטן פון משה העס איז געווען דווקא אַ מילדער, (מער אַ סאַלאָן אַנטיסעמיטיזם — מ. פּ.). אמת, אין רוסלאַנד האָט געהערשט אַ ווילדער אַנטיסעמיטיזם, אָבער יידן האָבן געהאָפט, אַז דער „אויפקלערונגס"-שטראָם וועט אויך דערגרייכן רוסלאַנד און וועט מיט זיך ברענגען די עמאַנציפּאַציע פון די יידן אונטער דער רוסישער הערשאַפט.

אינטערעסאַנט צו באַטאָנען: משה העס האָט נאָכגעפאָרשט די שטרעמונגען ביי די יידן אין די מזרח אייראָפּעישע לענדער. ספּעציעל דעם קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים. ער ציטירט ר' ישראל בעל שם טוב ווי אויך דעם ספר תניא און די חב"ד באַוועגונגען. מערקווירדיק: אין דער צייט, ווען היינריך גרעץ, אין גייסט פון די מאָדערנע מערב-יידן באַצייכנט די חסידישע באַוועגונג אַלס אַ פינסטערן, שוואַרצן המון — שטעלט זיך העס אויף דער זייט פון חסידיזם, אונטערשטרייכנדיק די פּאָטענציאַלע כוחות פון די חסידישע מאַסן, ווען זיי ווערן באַפליגלט מיט דער נאַציאָנאַלער אידיי.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם מילדן אַנטיסעמיטיזם אין מערב און דעם גלויבן, אַז די „אויפקלערונג" וועט דערגרייכן די מזרח אייראָפּעישע געביטן און עמאַנציפּירן די יידן, איז נחמן סירקינס פעסטשטעלונג, אַז משה העס האָט נישט געשטיצט דעם ציוניזם אויף אַנטיסעמיטיזם — אָן צווייפל ריכטיק.

ממילא איז פאַלש די באַהויפּטונג פון די „נייע לינקע" און צבי לאַם, אַז ציוניזם איז בלויז „אַ רעטונגס-באַוועגונג פאַר יידן אין אַן עת צרה, דורך קאָנצענטרירן זיי אין איין טעריטאָריע, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן צו נעמען דעם פּאָליטישן גורל אין אייגענע הענט" און דאָס פאַרמאָגט נישט „קיין שום טראַדיציאָנעל-נאַציאָנאַליסטישע אונטערלאַגע".

די „נייע לינקע" ווילן אַרויסרייסן דאָס יודאַיסטיש-נאַציאָנאַלן געוועב פון ציוניזם און דווקא „רוים און ירושלים" באַווייזט ווי פאַלש ס'זענען די שקרים פון די שונאי ציון.

צען יאָר האָט העס שטודירט און געפאָרשט די ראַסישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. נאַציאָנאַליזם איז דאָס קינד פון 19טן יאָרהונדערט. דער פרילינג ווינט פון נאַציאָנאַליזם איז געקומען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אין 1859, אין דער באַפרייאונגס-מלחמה קעגן עסטרייך קומט צום אויסדרוק דאָס דערוואַכן פון די נאַציאָנאַלע געפילן ביי די מאַסן אין איטאַליע. אייראָפּע האָט ממש געשפּירט אין דער לופט דעם שטראָם פון נאַציאָנאַלער עלעקטריציטעט.

משה העס, דער סאָציאַלער פילאָזאָף מיט רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג איז דורכגעדרונגען מיט די נייע שטראָמען און גלייכצייטיק זעט ער ווי עלנט און פאַראיינזאַמט ס'איז דער ייד, און זיינע יידישע ברידער. ער איז איבערצייגט, אַז די עמאַנציפּאַציע וועט נישט לייזן די יידן-פראַגע.

אין צוועלפטן בריוו שרייבט ער: „אין דער ערשטער שכרות פון דער מאָדערנער אויפקלערונג האָט מען געקאָנט אַריינפאַלן אין דעם טעות צו פאַרפרעמדן דאָס יידישע פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלער טראַדיציע דורך כלומרשטער הומאַניטעט. אָבער היינט זעט אפילו דער אויבערפלעכלעכער ראַציאָנאַליסט אין מערב-אייראָפּע, ווי די יידן זענען פאַרבונדן דורך טויזנט פעדעם מיט דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע — אַז די אויפקלערונג האָט נישט געקאָנט צעשטערן די אַלט-יודאַיסטיש-נאַציאָנאַלע טראַדיציע".

„די פאָלקס-מאַסע ענדערט זיך נישט דורך שכלדיקע אַבסטראַקציעס און די סיבות זענען טיפער, ווי די סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערן האָבן געגלייבט". „יעדער ייד — צי ער וויל דאָס, אָדער נישט, איז סאָלידאַריש פאַרבונדן מיט זיין פאָלק". מיר מוזן אַלע טראָגן דעם עול מלכות שמים ביז צום סוף. „יעדער ייד, אפילו דער געשמדטער איז ערב פאַר דער ווידערגעבורט פון דעם

דערקלערט צבי לאַם (און מיט אים די נישט־יידישע „נייע לינקע") אַלס פּסול די באַהויפּטונג, אַז ציוניזם איז אַ באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

פרעגט זיך: וואָס האָט דער ענין צו טאָן מיט משה העס?

מאַרטין בובער האָט טרעפלעך באַמערקט, אַז משה העס איז געווען מער ווי דער פּערקוסאָר (אָנזאָגער) פון ציוניזם. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון ציוניזם.

דער שרייבער פון די שורות האָט מיט אייניקע יאָרן צוריק פאָרגעשלאָגן אין אַן ענגן אידעאָלאָגישן סעמינאַר, אַז ס'פאָדערט זיך אַ רעוויזיע פון די אָנגענומענע טעקסטביכער אין ליכט פון היסטאָרישע פאָרשונגען. דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנער איז נישט געווען דער איניציאַטאָר פון ציוניזם אונטער דעם איינפלוס פון דעם דמשק'ער בלוט־בלבול. דאָס איז היסטאָריש נישט אמת. דער בלוט־בלבול האָט נישט באַאיינפלוסט די אידייען, וועלכע משה העס האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין „רוים און ירושלים". דאָס בוך האָט סומירט די לעבנספילאָזאָפיע פון דעם יידישן פילאָזאָף.

לאָמיר אַ בליק געבן אויף דעם צייט־פאַקטאָר. די געשעענישן אין דמשק זענען פאָרגעקומען אין 1840. העס ווערט דער איניציאַטאָר פון ציוניזם אין יאָר 1862, צוויי און צוואַנציק יאָרן שפּעטער... אויב די דמשק אַפערע האָט אים דערשיטערט, פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט וואַרטן צוויי און צוואַנציק יאָר?

ס'אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז דריי פאַקטאָרן האָבן באַאיינפלוסט דאָס אויסקריסטאַליזירן זיך פון די אידייען, פון משה העס:

1) די סאָציאַלע אומרואיקייט אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט. דעם פרילינג פון די פעלקער (1848), העס האָט זיך נישט געקענט אידענטיפיצירן מיט דער מאַטעריאַליסטישער אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטלעכן גאַנג. מאַרקס איז געוואָרן דער אָנפירער. העס איז אַוועק קיין פראַנקרייך, ווו ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון פּאָליטישער טעטיקייט בכדי זיך צו ווידמען דער פאָרשונג פון נאַטור־וויסנשאַפטן. דאָרט, אין פּאַריז האָט ער געמוזט איינזען, ווי טיף ער איז פאַרוואָרצלט אין יודאַיזם אָנהויבנדיק פון זיין ערשטן בוך „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט". — פאַר אים, דעם יידישן פילאָזאָף נאָך דער שטורמישער רעוואָלוציאָנערער קאַריערע איז געקומען די צייט צו באַטראַכטן די לאַגע פון די יידן און זיך אליין צו געפינען.

די ערשטע העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט מיט זיך געבראַכט אַ טאָטאַלע ענדערונג אין אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן אין די מערב־לענדער. עקאָנאָמיש און סאָציאַל זענען די יידן געוואָרן אַ שטאַרקער פאַקטאָר. די געוועזענע קליינהענדלער האָבן דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל אויף דעם סאָציאַלן לייטער. דער צווייטער דור האָט געבראַכט געלערנטע, שרייבער און דיכטער — אַ העכערן שטאַפּל אויפן סאָציאַלן לייטער.

2) די רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש אין דעם אינערלעך גייסטיקן יידישן לעבנסשטייגער, און דער פּרוּוו צו האַרמאָניזירן יודאַיזם מיט דעם גייסט פון מאָדערנער פילאָזאָפיע, איז יודאַיזם געוואָרן דער קרבן. די מאָדערנע יידן האָבן געפילט, אַז די יידישע רעליגיע איז אַ לאַסט אין זייער גייעג צו דערגרייכן פולע עמאַנציפּאַציע. לויט דעם קהילה־בוך פון בערלין אין 1823 האָט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסגעטוישט דעם מגן דוד פאַרן צלם. קעגן דעם שטראָם פון שמד, אַנטוויקלט זיך די אַקטיווקייט פון דער „יידישער וויסנשאַפט" (לעאָפּאָלד צונץ, היינריך גרעץ).

3) דער דריטער פאַקטאָר וואָס באַאיינפלוסט העסן איז געווען אַ פּאָליטישער: די איטאַליענישע מלחמה פאַר באַפרייאונג ווי העס דריקט זיך אויס „די באַפרייאונג פון דער אייביקער שטאָט ביים טייך טיבער, צייכנט אָן די באַפרייאונג פון דער אייביקער שטאָט אויפן הר המוריה. די אַלע דריי פאַקטאָרן קאָן מען ממש אָנטאַפּן אין תוכן פון „רוים און ירושלים".

פאַראַן אָבער נאָך איין פאַקטאָר, וואָס די אָנגענומענע ליניע האָט פאַרזען און וואָס פאָדערט אַ היסטאָרישע אויסבעסערונג. דאָס איז די צייט, דאָס יאָר 1862 אין באַדינגונגען וואָס לייקענען אָפּ דעם איינפלוס פון דמשק'ער בלוט־בלבול.

אין דעם עלפטן בריוו פון „רוים און ירושלים" ציטירט העס „די נייע אָריענטאַלע פראַגע" פון דעם פראַנצויזישן גלח ערנעסט לאַהאַראַן, וועלכער שלאָגט פאָר די יידן צוריק אויפצובויען די אַלטע יידישע מלוכה פון פּאָליטישע און הומאַניטאַרע מאָטיוון. גלייכצייטיק שטרייכט העס אונטער, אַז דער פרומער גלח האָט נישט געהאַנדלט אין אויפטראַג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, נאָר אין גייסט פון פראַנצויזישן פאָלק... אַן אונטערזוכנדיקער און נייגעריקער לייענער דאַרף באַלד פילן אַ חשד אויף דעם „אַליבי" — „נישט אין אויפטראַג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג". פאַרוואָס אַזאַ „אַליבי?"

אַ ביסל ענציקלאָפּעדישע אונטערזוכונג באַשטעטיקט דעם חשד, ערנעסט לאַהאַראַן איז נישט געווען סתם אַ קאַטוילישער גלח — ער איז דער פּריוואַטער סעקרעטאַר פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּריוואַטער סעקרעטאַר פון קיסר פאַרעפנטלעכט נישט קיין פּאָליטישע אידייע און אויפפאָדערונגען אָן דער צושטימונג פון קיסר.

אין דעם בוך, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפע סימפּאַטיע פאַר די ליידן פון די יידן, זעט דער גלח פאָר דעם אויפבוי פון אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. ער דריקט אויס זיין גלויבן אין די עטישע און גייסטרייכע ווערטן פונעם יידישן פאָלק, ער איז איבערצייגט, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַזעלכע פאַרפאָלגונגען אין אַ תקופה 18 הונדערט יאָר און איבערגעלעבט די שונאים, אַזאַ פאָלק איז באַהערשט פון גרויסע גייסטיקע ווערטן און אידייען, וואָס וועלן אים דערמעגלעכן צו קאָנטינואירן אַ נאַציאָנאַל לעבן אין אַ ווידער אויפגעבויטער מלוכה.

ס'איז פאַלש אָנצונעמען, אַז לעהאַראַן איז פלוצים באַאיינפלוסט געוואָרן פון בלוט־בלבול אין דמשק צוויי

דערגרייכן שלום אין מיטעלן מזרח (אין דער אָדער אַנ־דער פאָרם) איז אַ לעבנספראַגע פון זיין אָדער נישט זיין פאַרן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — דזשימי קאַרטער.

איידער מען האָט אים אויסגעוויילט אויף די ערשטע פיר יאָר, האָט ער געקאָנט אַלץ צוזאָגן. ווען ער שטייט אָבער פאַרן וויילער און פאַרלאַנגט אַ מאַנדאַט אויף די קומענדיקע פיר יאָר — דאָ מוז מען שוין עפּעס ממשות־דיקעס באַווייזן, ווי אַן אויפטו; אַ דערגרייכונג; אַ באַרעכ־טיקונג פאַרן צוטרוי וועלכן מען בעט. הלמאי זאָלן מיר לייקענען — דער רעקאָרד פון די אויפטוען פון פּרעזי־דענט איז אַ זייער מאָגערער. ערשט דער שלום־אָפּמאַך, דורכגעזעצט מיט זיין איניציאַטיוו — וועט אים געבן די טרומף־קאַרט, אין דער פּאָליטישער שפּיל פאַר געווינען דאָס ווייסע הויז אויף קומענדיקע פיר יאָר.

פאַר יעדער דערגרייכונג מוז מען צאָלן אַ פּרייז. פאַר קאַרטערס דערגרייכן דאָס ווייסע הויז וועט וואַרשיינלעך ישראל צאָלן דעם פּרייז מיט די פאַרפליכטונגען אין שלום־אָפּמאַך, וועלכע זי נעמט אויף זיך.

## אין „קדימה״

די „קדימה״ — די קולטור־געזעלשאַפט פון ישוב שליסט אָפּ אַ יאָר טעטיקייט, אויף וועלכער מיר קאָנען מיט באַפרידיקונג זאָגן, אַז דאָס יאָר איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַקטיוויטעטן אין יעדער פאָרם, וואָס מ׳קאָן אַרונטער־נעמען אונטער דער באַצייכענונג: יידישע קולטור.

ביבליאָטעק; ליטעראַרישע פאַרלעזונגען; יידיש טעאַ־טער; קונסט־אויסשטעלונג; פילמען, שאַך־קלוב, „הזמיר״־כאָר; „מומבאַ״ — יידישער פאָלקס־פעסטיוואַל; אַרקעס־טער פון רוסישע עמיגראַנטן; ליטעראַריש־געזעלשאַפט־לעכער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער״; יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס.

פון דעם יאָר טעטיקייט טיילט זיך באַזונדערס אויס דער באַזוך פון 100־פּערזאָניקן אַנסאַמבל: „אנחנו כאן״.

פאַר דער „קדימה״ און אירע טוער איז עס געווען אַן אַמביציעזער פאַרמעסט, אי אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג, פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע הוצאות. מיטן דערפאָלגרייכן דערפירן די אונטערנעמונג, איז דער פּרעסטיזש פון דער „קדימה״ שטאַרק געוואַקסן אין אויסטראַליע, און סיי אין די יידישע ישובים אין דער וועלט.

עס איז געווען אַ גרויסער קולטור יום־טוב פאַרן יידישן מעלבורן און סידנעי.

מיט דאַנקבאַרקייט קאָן מען אונטערשטרייכן, אַז דער אָפּרוף פון יידישן עולם, אויפן רוף פון דער „קדימה״ צו די קאָנצערטן, און שטיצן פינאַנסיעל (אין פאָרם פון אַנאָנסן) איז געווען אַ גוטער.

אינספּירירט און טעכניש דורכגעפירט דורך דער „קדימה״ — האָבן זיך אין געזעלשאַפטלעכן „אנחנו־כאן״־קאָמיטעט באַטייליקט אַלע גרופּירונגען און אינסטיטוציעס פון אונדזער ישוב.

מ. א.

דר. מ. פערשטענדיק

# די אַקטואַליטעט פון משה העס

### (היסטאָרישע אויסבעסערונגען)

די „דזשערוזאַלעם פּאָסט״ פון 10טן אָקטאָבער 1978 באַטאָנט אין דער איינלייטונג צו אַן אַרטיקל וועגן מאַקס נאָרדוי „דער נאָמען פון מאַקס נאָרדוי דערשיינט אויף אַ סך גאַסן־שילדלעך, אָבער מערסטנטייל ווייסן די ישראל־בירגער, אַז מאַקס נאָרדוי איז אַ בולוואַר אָדער אַ גאַס, מער גאָרנישט״.

נאָך ווייניקער איז היינט באַקאַנט דער נאָמען: משה העס.

אַן אָפּשאַצונג וועגן משה העס איז נייטיק נישט בלויז בכדי צו דערמאָנען און באַהאַנדלען אַ פּערזענלעכקייט, וועגן וועלכער ד״ר הערצל האָט זיך אויסגעדריקט: „אַז זייט שפּינאָזאַ האָט דאָס יידנטום נישט געהאַט קיין גרע־סערן גייסט ווי דער פאַרגעסענער משה העס״. (שוין דע־מאָלט איז ער געווען פאַרגעסן).

דווקא אַ רעוויזיע אין דער סקאַרבאָווער אָפּשאַצונג פון משה העס איז נייטיק און אַקטועל אין דעם היינט־צייטיקן אידעאָלאָגישן געראַנגל, אפילו ווען די אָנגע־נומענע היסטאָרישע טעקסטביכער וועלן דאַרפן רעווידירט ווערן.

לויט דער אָפיציעלער ציוניסטישער געשיכטע האָבן דער בלוט־בלבול אין דמשק, און די שרעקלעכע רדיפות קעגן די יידן דאָרט, דערשיטערט דעם סאָציאַליסטישן רעוואָלוציאָנער משה העס אין אַזאַ מאָס, אַז ער האָט איינגעזען, אַז די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע איז אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל. (משה העס דער־מאָנט דעם בלוט־בלבול אין דעם פינפטן בריוו פון: ׳רוים און ירושלים׳). — דאָס פּאַסט זיך אַריין אין דער אָנגע־נומענער ליניע: פּינסקער — דער אַסימילאַטאָר איז גע־קומען צו דער זעלבער הנחה נאָך די רוסישע פּאָגראָמען און דער אַסימילירטער ד״ר הערצל — נאָכן דרייפוס־פּראָצעס.

די דאָזיקע ליניע ווערט היינט אויסגענוצט אין אַנ־געגריפן נישט נאָר פון די „נייע לינקע״ אידעאָלאָגן אין דער וועלט, נאָר אויך אין ישראל גופא. אַזוי למשל שרייבט צבי לאַם, אַ לעקטאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט אין „דיספּערשן ענד יוניטי״ (אַן אויסגאַבע פון דער יידישער אַגענץ) נומער 21/22: „ציוניזם איז געבוירן געוואָרן פון די צרות פון די יידן״. — „צוערשט זענען געווען די צרות און שפּעטער איז קולטיווירט געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון אַ יידישער מדינה״. „ציוניזם איז אויפגעקומען נישט פאַר שיבת ציון, צוריקברענגען די יידן צו זייער פאַרלוירענעם היימלאַנד, נאָר צו סתם אַ נאַציאָנאַלע היים, פאַר יידן אַן אַ היים״ און היות דער הויפּט־מאָטיוו פון ציוניזם איז די נעגאַטיווע דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם,

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

דעצעמבער, 1978 | נומער 5 (16) | מעלבורן, אויסטראַליע


## אין ליכט פון 19טן נאָוועמבער 1977

פּאָליטיקער זענען — לויט דער אָנגענומענער מיינונג — ניכטערע, דורכגעטריבענע רעאַליסטן, אויסגעהוילט פון יעדן געפיל פאַר ראָמאַנטיק, פאַנטאַזיע און אילוזיעס.

פונדעסטוועגן וואָלט דער אָריגינעלסטער און פעאיקסטער רעקלאַמע־עקספּערט פון האָליוווד, אין זיין ווילדסטן חלום נישט געקאָנט פּראָיעקטירן און דורכפירן אַזאַ מין ספּעקטאַקולאַרן אויפטריט אויף דער וועלט־בינע — ווי דאָס האָט באַוויזן דער פּרעזידענט פון עגיפּטן — אַנוואַר סאַדאַט, מיט זיין היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים, דעם 19טן נאָוועמבער 1977.

די וועלט איז עלעקטריפיצירט געוואָרן מיט אָט דעם אויפטריט, און נישט איין באַרימטע פּערזענלעכקייט האָט וואַרשיינלעך געטרוימט צו באַקומען כאָטש איין פּראָצענט פון דער אויפמערקזאַמקייט. עס איז געווען אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל פון אומצאָליקע דימענסיעס.

נאָכער, פאַרשטייט זיך — ווען מען איז צוגעטראָטן צום תכלית'דיקן אַנאַליז פון אָפּשאַצן דעם פּרייז וואָס דאָס דאַרף קאָסטן אין פאַרגלייך מיטן ווערט פון דעם דערגרייכטן, האָבן זיך די געמיטער אָפּגעקילט, און דער לופטבאַלאָן, אָן וועלכן מיליאָנען מענטשן האָבן אָנגעהאָנגען זייערע האָפענונגען — איז איינגעשרומפּן.

דער איינדרוק פון דעם דאָזיקן ירושלימער אויפטריט אין דער כנסת; די רייזע קיין קאַיר און צוריק פון דעלעגאַטן; באַפולמעכטיקטע; עקספּערטן — דאָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם פונק פון דערוואַרטונג. די שפּאַנונג איז געשטיגן און געפאַלן, ווי די טעמפּעראַטור ביי אַ קראַנקן.

אין רעזולטאַט פון דעם איז געבוירן געוואָרן די קאָנפערענץ אין דעם, שוין איצט זייער פּאָפּולערן דאַטשעאַרט „קעמפּ־דייוויד".

אויך „קעמפּ־דייוויד" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיסטעריעזע געשעעניש. אין דער היינטיקער צייט פון פּרעסע, טעלעוויזיע און קאָמוניקאַציע־סאַטעליטן, ווען אַ פּאַסירונג ווערט אין משך פון מינוטן באַקאַנט אין דער וועלט — איז „קעמפּ־דייוויד" געבליבן אַ נישט געלייזטע רעטעניש. דער רעזולטאַט פון „קעמפּ־דייוויד" איז באַקאַנט: דער שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן ליגט אַ גרייטער — עס בלייבט נאָר איינטונקען די פּען — און אים אונטערצושרייבן.

מיטן שלום־אָפּמאַך (דעם אונטערגעשריבענעם — פאַרשטייט זיך) וועט אייגנטלעך פּאַסירן דאָס אייגענע — ווי מיט אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און אידעאַלן, נאָך וועלכע מען האָט אַ לעבן־לאַנג געבענקט: נאָכן דערגרייכן דעם ציל, כאַפּט זיך אַריין אַ טראָפּן צווייפל: איז דאָס טאַקע דער ציל צו וועלכן כ'האָב אַ לעבן לאַנג געשטרעבט און זיך מקריב געווען פאַר אים?

עס נעמט אָנוואַקסן אַ פאַרגעפיל, אַז צוזאַמען מיטן שלום־אָפּמאַך, וועט אַראָפּנידערן אויף אונדז דאָס געפיל פון אַנטוישונג.

עס איז נישט שייך צו געבן דאָ עצות דער ישראל־רעגירונג. אויב עמיצער (ספּעציעל — די וואָס וווינען אויסער ישראל) פּרובירט עס יאָ צו טאָן, וואָלט נישט געווען איבערגעטריבן, ווען מיר באַצייכענען עס מיט טיפּשות. נישט זייערע קינדער, אָדער אייניקלעך דאַרפן עס זיין די פראָנט־קעמפער; נישט זייער פּערזענלעך לעבן איז באַדראָט...

דאָס געפיל פון אַנטוישונג נעמט אָנוואַקסן דערפאַר, ווייל עס זעט אויס, אַז אייגנטלעך וועט ישראל נאָך אַלץ דאַרפן דעם גרעסטן טייל פון איר בודזשעט אויסגעבן אויף באַוואָפענונג; זי וועט נאָך אַלץ נישט קאָנען נאָכלאָזן איר וואַכזאַמקייט, אפילו אויף אַ רגע; זי וועט נאָך אַלץ האָבן באַדראָטע גרענעצן; זי וועט ווערן איינגעשרומפּן אין שטח; זי וועט דאַרפן האַלטן אָן אויג אויפן שכן, טאָמער חלילה האָט ער חרטה.

מען מוז מודה זיין: ביי אַלע אירע געווינסן און דערגרייכונגען, וועט אויך עגיפּטן נישט קאָנען אַראָפּשלינגען דעם גאַנצן לעקעכל, וועלכן מ'האָט איר אונטערגעטראָגן. עס זענען דאָ גענוג איינפלוסרייכע כוחות, אין דער אַראַבישער וועלט, וועלכע וועלן זיך באַמיען, אַז דאָס לעקעכל זאָל סאַדאַטן בלייבן שטיין אין האַלדז.

בלייבט די פראַגע:

ווער זשע האָט פאַרט געוווּנען דעם שלום?

מעגלעך, אין ליכט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט וועט די וויטערדיקע ארויסזאָגונג קלינגען לאָגיש — הגם יאָרן שפּעטער, אויב עמעצער וועט זיך אויף אָט דער ארויסזאָגונג אָנטרעפן, וועט ער שטוינען, און ציען מיט די אַקסלען. ער וועט זיך פרעגן (און מיט רעכט): ווו איז דאָ די לאָגיק?

*With Compliments of*

★

# Golden Star Floor Coverings

**PTY. LTD.**

FREE QUOTES

Showroom and Office:

598-602 GLENHUNTLY ROAD, ELSTERNWICK, 3185

PHONE: 528 4494

A.H. 527 1183

**CARPETS**

**VINYL TILES**

**PARQUETRY**

**VINYL SHEETING**

**LAID AND SUPPLIED**

**LARGE VARIETY OF RUGS**

Managing Director:

N. MISELOWSKI

16 HOLROYD AVENUE,

EAST ST. KILDA

★

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — אין ליכט פון 19טן נאָוועמבער 1977 . . . . . . 1

ד"ר מ. פערשטענדיק — די אַקטואַליטעט פון משה העם . . . . . . 2

י. אַרבאַך — אַקטואַליען . . . . . . . . . . . . 5

דר. עזריאל נאַקס — אַ געווינס פאַר יידיש . . . . . . . . 7

וו. יאַבלאָנסקי — שאַך און פּאָליטיק . . . . . . . . . 9

ש. בענעט — אייזיק אייזיקס — דער ייד וואָס האָט געשאַפן אויסטראַליעס קאָנסטיטוציע . . . . . . . 10

לוי שאַליט — אייניקל קריסט וועגן יידישן זיידן . . . . . . 12

י. מ. לעווין — מאַנעקינען (ליד) . . . . . . . . . . 14

מ. אייזענבוד — דער לעצטער פּאַרמעסט (דערציילונג) . . . . . . 15

אידאַ סאָקאָלסקי — קוקט אַ ייד אויף זיין מצבה . . . . . . 18

ב. האַניגמאַן — אויף גאָטס באַראָט (עפּיזאָדן פון וואַגלעניש) . . . . 19

מעלבורנער דעלעגאַטן צום וועלט־ראַט פאַר יידיש . 24

מעם — ליטעראַרישע נאָטיצן . . . . . . . . . 25


פרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 5 (16) דעצעמבער 1978